# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 113) צענטער יארגאנג יוני 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט:

תיקון-ליל-שבועות־טראכטענישן ... ** 1
א שבועות־סאנעט ... יוסף הלל לעווי 3
ארץ ישראל פאנאראמע ... דר. יעקב י. מייטליס 4
אהאספער (ליד) ... מאקס הערשמאן 12
טונקלע טעג (דערציילונג) ... א. מ. פוקס 13
א גרופע יידישע שרייבער (פאטאגראפיע) ... 19
צוויי באזאר פילאזאפן (פאעמע) ... משה עובד 20
דעם בריסקער רב׳ס מנחה ... יחזקאל נח ערלעכמאן 22
רבי שמעון בן יוחאי (פאעמע) ... א. נ. שטענצל 24
איבערזעצטע רעדעס (עסיי) ... לעא קעניג 27
די געשיכטע פון מזרח לאנדאן. אויסשטעלונג אין דער ווייטשעפל קונסט גאלעריע ... אהרן ר. ראלין 30
לייענען (עסיי) ... יוסף לעפטוויטש 34
אין איראפע און ביי אונז אונטערן איוון (שלוס) ... אליהו פאלושאק 40
אויף דער לויה פון יאנקל אדלער ... דארא דימאנט 45
אויפן קבר פון א פריינט ... יעקב מייטליס 46
יאנקל אדלער אין דער מאדערנער מאלעריי ... ש. 48
בילד פון יענקל אדלער ... 49
בילד פון יענקל אדלער ... 51
פארלוירן א כלה מיט צען טויזנט רובל נדן ... מארקס כהן 52
א חתונה בשעת מגפה (פעליעטאן) ... א.נ.ש. 57
דער קבלת פנים פאר משה עובד ... 60
דאס ירושלימער בחורל ... משה עובד 61
א סאלדאט בשעתן דאווענען ... סערל ראס 62
דער שליח פון איק״פא, דר. לינדענבערג ... 62
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ... 64

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז :—19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד :—5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן”, נאראד־פרעס, 131-129 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

**„די צייט”**
געגרינדעט אין 1913 פון
**מאררים מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין איראפע.)

**ירושלים**
לידער פאעמעס באלאדעס
א בוך .פון 140 זייטן
פון
**א. נ. שטענצל**
צו באקומען
אין אלע בוכהאנדלונגען
אין ווייטשעפל
פרייז: 7 שילינג און 6 פענס

**פראפאגאנדע-קאמיטעט**
פון דעם
**ארבעטער-רינג**
22, עלי סטרים, אלרגיים, א.1.
יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט
און
יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק
קומען פאר
אינטערעסאנטע באלערנדיקע
**רעפעראטן לעקציעס**
איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע
ליטערארישע און אלגעמיינע ענינים
ווענן אלע אייכצלהייטן זיך צו ווענדן
צום גענעראל־סעקרעטאר:
**ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג**

די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון” ביי „בן־אורי”
זונטיק 29־טן מאי 8 אוונט
אין לאקאל פון
**„בן-אורי” קונסט גאלעריע**
14 פארטמען סטריט ו.1.
**מלכות ישראל און די שא-**
**פונגען אין ישראל**
עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטא-
ציעס און רעדעס:
משה עובד, אייזיק גאלדבערג, י.
ביעטש, אליהו פאלושאק, נעט רובין
און דארא דימאנט, שלמה אויערבאך.
אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאר מיטגלידער!
1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## צו אונדזערע אבאנענטן לייענער און פריינט פון „לשון און לעבן“

פון אנהויב אן פונם ארויסגעבן פונם ערשטן העפטל ביז צום לעצטן נומער פונם איצטיקן זשורנאל קומט עס אונדז אן מיט קריעת ים סוף. אין די לעצטע יארן זיינען מיר אריין אין חובות ביים דרוקער. מיר האבן אונדזערע פריינט און חברים נישט אלארמירט. דער זשורנאל איז יעדן חודש טראָץ אלע שוועריקייטן פינקטלעך דערשינען — יעצט זיינען מיר ממש אין א קריטישע לאגע. יעדער חודש איז א געראנגעל פונם יא דערשיינען אדער נישט דערשיינען.

כדי ווייטער צו קענען אנהאלטן דעם געהעריקן סטאנדארד בעטן מיר אונדזערע אבאנענטן אן אויפפאדערונג און מאנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס'איז בכח פאר א יאר אין פאראויס.

מיר בעטן די אבאנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן“ צו פילן א חוב צו שאפן פרישע לייענער און אבאנענטן פאר אונזער פעריאדישע אויסגאבע.

די דאזיקע באשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאלטן און צו פארגרעסערן די אויפלאגע און אזוי ארום אויך פארשפרייטן דאס יידישע ווארט דא אין לאנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין ביהילפיק מיט געשעפטס־אנאנסן. אויך דאס קען זיין א בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער ארבעט.

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

די חשובע חברים, לייענער און אבאנענטן דארפן זיך באמיען צו פאר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“. העלפן פארשפרייטן דעם זשורנאל!

און אויב מ'שיקט אייך צו נאך דריי חדשים דעם מאנבריוו, שיקט תיכף צו פארן גאנצן יאר פאראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

## און צו אלע ליבהאבער פון יידישן ווארט

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אבאנענטן, אז אונזער זשורנאל זאל ווערן נאך בעסער, רייכער אין אינהאלט, אדער מיר וועלן זיין געצוווּנגען אים ארויסצוגעבן אין א דינערן פארמאט.

אין אלע ענינים, אנפראגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 6 (העפט 113) צענטער יארגאנג יוני 1949 לאנדאן

## תיקון־ליל־שבועות־טראכטענישן

גראד דעמלט, ווען דער מנהיג דערגרייכט דעם ציל פון זיין שליחות, ווען ער דערקלעטערט צו די העכסטע הייכן פון מחשבה און צו דער טיפעניש פון געפיל, ווען ער אליין, זיין האנדלונג, דאס טון פון זיינע הענט ווערט סינטעזע פון הימלישן חזיון און מענטש־פארשטיין; גראד דעמלט ווען משה איז פערטיק געווארן מיט אלע זיינע צוגרייטענישן און דערגרייכטער ארבעט, דעמלט ווען ער איז צום פאלק אראפגעקומען מיט זיינע לוחות האט דאס פאלק ארומגעטאנצט ארום גאלדענעם קאלב.

און איז נישט דאס זעלבע מיט אונזער יידישן שאפן? אצינד ווען אונזער ליטעראטור האט דערגרייכט דעם אפאגע פון אירע קינסטלערישע מעגלעכ־קייט, ווען אונזער יידיש־לשון האט באקומען א וויסנשאפטלעכע שפראך־פארעם, טאנצט דאס פאלק, אונזער „גאלדענע יוגנד“, אין אלע וויסטע לענ־דער, ארום א שבעים לשונות־טורעם און אונזערע שאפער שטייען אויפן שפיץ פון דער יצירה, איבער די שווינדלדיקע תהומות פון אונזער פאלק, כאטש אליין א מעשה זיך אנצוטון.

לויפן זיי ארום משוגענערהייט, אונזערע ווארט־שאפער צווישן אלע פעל־קער פון דער וועלט. זיי לאזן זיך אליין איבערמאכן אין אלע לשונות, מיט אויסגעשטרעקטע הענט טראגן זיי עס אונטער. אויף בעטנדיקע קני ליגן זיי פאר זיי, עס וועט זיי אבער העלפן, ווי עס האט גאט אליין געהאלפן, דעמלט ווען כביכול אליין האט זיך ארומגעטראגן צווישן אלע אומה ולשון מיט זיין תורה, אז זיי זאלן זי מקבל זיין.

נאכאמאל און נאך טיפער מוז דער „לא תרצח“ אויסגעקריצט ווערן, כדי דאס פאלק זאל בפה אחד, קאנען אויסשרייען דעם נעשה ונשמע! יא, און עס מוז פריער זיין דער נעשה, דאס באמיען זיך צוזאמען מיטן פאלק, אז דאס פאלק זאל דערהערן דאס ווארט פונם מנהיג. דאס שטעלן העכער דעם פירער פונם פאלק, דעם שאפער אפשליסן ביי זיך אין געצעלט. ער זאל זיצן אויף זיין אויסגעבעטן פאטער־שטול, ביז דאס פאלק וועט אים קומען אנפרעגן, דאס איז דאך ערשט געווען א פרעמדע, א ויחד־יתרודיקע עצה.

און אויב דער גייסטיקער פירער קעמפט מיט די חוצפהדיקע קורחס און דתן ואבירם, אבער די פאלקסטימליכע הארעפאשנע אלדד ומדדס וויל ער דורכאויס הערן — — —

ווארים, באמת וואסער טענה קאן דער גייסטיקער בעל־יצירה האבן

צום פאלק אז עס זאל, מיר נישט דיר נישט, אויפנעמען זיינע איינזאמע, אין טיפער התבודות ארויסבאקומענע טראכטענישן. האט ער דען דארט, אויף זיין וויסטן סיני־בארג אפגעקאכט א טאפ מיט פעטן פלייש? אדער איז ער געקומען אויבן צום באשלוס אלצדינג צו פארקויפן פאר א טעלער ארבעס־זופ? זיינע טיפע טראַכטענישן, זיינע באַשלוסן אויב זיי זיינען נישט ווערט זיינע ווייטערע באמיאונגען ארום זיי, טא ווי אזוי קאן ער עס פארלאנגען פונם המון־עם, פונם פאלק.

און וואלט משה נישט געהאט דעם כוח, נאכאמאל, און אויפסניי, אנצוהויבן דעם וועג, זיך אנצונעמען מיט הארץ אלע זיינע שטרויכלנישן איבערצווינדן, דעם גאט־בארג אליין אריבערצוקלעטערן, וואלט דאס פאלק זיין כוח נישט געזען; און וואלט משה־ס כוח זיך נישט גענומען פון זיין גרויס דערבארעמונג צום הילף־לאזן פאלק זייער בלוט צו קילן, זייערע געדאנקען און געפילן צו סדרן און ארדענען, וואלט דאס פאלקס־קינד, דער בן־ישראל, נישט דערפילט די קראפט פון זיין פירער — דאס פאלק האט אין דעם גייסטיקן כוח דערפירט די קראפט, וואס וועט עס דערהאלטן, וואס וועט זיין הארטן נאקן נישט לאזן זיך איינברעכן.

און אונזער גוטער אהרן הכהן, דער רודף־שלומניק, דער פריסטער, וועלכער לעבט פונם פאלק, וואס שלעפט זיך נאך די „מאסע" ווי א ייד נאך דער פרנסה, וואס לעקט אפ א ביינדל פון גאטס קרבן, האט זיך מסתמא געטראכט: א גאלדן קאלב האט דאך אלץ נאך אזויפיל די ווערט ווי א מאגערע ציג... עס איז דער שכל הישר פונם פון די באצאלטע שונאי בצע, פונם געדונגענעם קדיש זאגער, פונם מנין־מאן וואס קוועטש מיט די אויגן „שמע בכל לשון שאתה שומע"...

דער גרויסער שאפער אבער, דער גייסטיקער מנהיג הדור, וועלכער וויל נישט און קאן נישט מותר זיין אויף א פינטלע אונטער דער ייד. קלעטערט צוריק ארויף אויפן שפיץ פון זיין בארג און ווי הערלעך עס זאל נישט זיין די פאנאראמע ארום איז אים זיין וויזיע, זיין חזיון, אלץ געוואַלטיקער און ליכטיקער — — —

„ווען ס'קנאַלן די הארמאטן שווייגן די מוזן" יא, ווען די סאלדאטן מארשירן ווערט צעטרעטן דער מענטש און דאס ווארט ווערט באפעל און פאראל און ווען ס'שטייט אויף דער המון לייגט זיך אנידער דער בעל היצירה און שטארבט מיט א געטלעכן שמייכל אויף די ליפן. מען מוז שוין זיין דער גרעסטער, אז דער שמייכל זאל נישט זיין קיין צו קליגס און קיין איראניש'ס. מען מוז שוין קענען די איינגעשפאַרטקייט פונם פאַלק און זיין עקשנות אזוי צו ליבן, אלץ אים צוקענען אוועקגעבן. אלץ אים נאָכגעבן און אלץ אים פארגעבן.

אַבער וויפיל מען זאל זיך נישט אויסקוילען איינער דעם צווייטן, גאנצע פעלקער איינס דאס אנדערע, קלאַפט אין יעדן הארץ דער „לא תרצח" — ווייל א באשעפער האט עס אויסגעאטעמט מיט ליבשאפט צו יעדן איינעם,



מיט זארג צו יעדן באשעפעניש פון אלע הערצער אויסגעהעמערט אין גרויס פארשטיין!

דאס איז דאס אייביקע פון אונזערע אור־קולטור. ווי משוקע מיר זיינען נישט געוואָרן צווישן די אומות העולם האט עס אייביק אין אונזערע מעמקים־טיפעניש געהילכט מיט די לא־תרצח־וברקים קולות — אלע שבעים לשונות האט עס איבערגעהילכט! און עס וועט אויך אנדערש נישט זיין מיט אונזער נייעם שאפן — פון אלע פרעמדע שפראכן וויינט עס שוין ארויס, זינגט עס שוין ארויס!

אז אזוי גרויס זאל אונזער נייער יידישער שר השירה שוין זיין, אז ער זאל קאנען שטארבן מיט אַ שמייכעלע, צומאל מיט א קליגס, צי צומאל אן איראַניש'ס, ווייס איך נישט, זיכער אָבער גלויבט ער: „אַז ווער עס האָט נאָר אַ ליבע געפיל וועט מיר העלפן וויינען".

און אזא פאלק ווי מיר זיינען, האבן מיר עס נאך זייער נייטיק! עס איז נאך גאנץ ווייט, אז מיר זאלן קאנען לעבן בלויז פון אונזערע העלדן געזאנגען און זיגעס־לידער — עס איז דער מהלך פונם „אז ישיר משה" ביז זיינע אין שטיין אויסגעהאַקטע לוחות! פון די עשר מכות געברענגט אויף די מצריים, ביז צו די עשרת הדברות געברענגט צום ווייל פאר אלע פעלקער און אלע מענטשן — — — ס'איז דער וועג פון עשרה הרוגי־מלכות ביז צום עשר־ספירידיקן מלכות שבמלכות.

## יוסף הלל לעווי

# א שבועות-סאנעט

די פעלדער ארום ווייט פארטיפט
זיי ליגן אין פרילינג און שווייגן,
די זון שיינט דורך בלעטער און צווייגן,
א סיונדיק רעגנדל טריפט.

און שרייבט מיט א בלומיקער שריפט
אויף די צעפערלטע ווערטער:
פון ליבע אויף כלערליי ערטער
מיט ציטער פון בליונג פארבליפט.

דאס שבועות־גראז דופטנדיק ליגט
ביים ברעג פונעם זילבערנעם טייכל,
ווו ס'קושן די פארלעך באגליקט

זיך ליב מיט געזאנג און מיט שמייכל,
אין שבועות־גראז פרישן געפליקט
און ס'בלישטשעט די גאלד־זון צעבליצט,
א סיונדיק רעגנדל שפריצט.

דר. יעקב י. מייטליס

# ארץ ישראל פאַנאָראַמע

(נאָטיצן פון אַ רייזע)

ג

יפה נוף משוש כל הארץ (תהלים מ״ח)

## 1. ירושלים

ירושלים איז אַ מלוכות׳דיקע שטאָט. שוין דער וועג אַהינצו צווישן אַ מאַיעסטעטישער לאַנדשאַפט פון בערג און פעלזן, איבער טאָלן און אָפּגרונד־טיפע ווינקלען, פאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט זיין שיינקייט און גבורה׳דיקייט.

איז ירושלים אַ שטאָלצע שטאָט, אַ מיוחסת מיט געהויבענע און געהייליקטע טראַדיציעס, מיט אַ געוואַלטיקן שלשלת היוחסין, טאַקע ביזן סאַמע דוד המלך׳ן. האָט זי זיך טאַקע עפּעס אויף וואָס איינצורעדן. געווען פאַר אַזוי־פיל הונדערטער יאָרן די הויפּטשטאָט פון יידישן פאָלק, די קרוין פון זיין מלכות, דער גייסטיקער און קולטישער צענטער פון יידנטום אין גאָר דער וועלט. געליטן און זיך געראַנגלט, געהערשט און געוועלטיקט, געווען פאַרפאָלגט און חרוב געוואָרן, אָבער פון תמיד געטראָגן אין זיך דעם סוד פון אייביקייט, געשיינט אין גלאַנץ פון איר געטלעכקייט. אין איר איז פאַראַן אַ סך פון דער נצחיות פון פאָלק.

ירושלים איז אַן אַריסטאָקראַטישע שטאָט. זי איז אַ צוריקגעצויגענע, נישט קיין ליאַרעמדיקע און שרייענדיקע. שוין די פעסט־געבויטע הייזער פון די קאַנטיקע שטיינער, וואָס מען האָקט אויס אין די בערג אַרום ירושלים, מאַכן אַן אימפּאָזאַנטן און אַ סאָלידן איינדרוק. דאָ גייט אַלץ צו רויקער און געלאַסענער. עס איז נישט דער ברען, דער אימפּעט פון אַ תל אביב. דאָ רעדט נישט נאָר די געגנוואַרט, נאָר אַ קייט פון דורות, יאָרטויזנטער. האָט אויך ירושלים אַ סך איבערגעלעבט. געזען זיך אין איר גליק און ליכטיקייט און ווידער אַמאָל אין איר אומגליק און פינצטערקייט. קוקט זי זיך צו מיט אַ בליק פון קלוגשאַפט און דערפאַרונג צו די געשעענישן אַרום איר, שמייכלט מיט פאַרשטענדעניש און איבערלעגנקייט. וואָס און וועם האָט שוין די שטאָט נישט געזען אין אירע טויערן? דוד צי שלמה׳ן, ישעיה׳ן צי ירמיה׳ן, די מכבים צי הורדוס׳ן, הלל׳ן צי ישו׳ן, די רוימער, די גריכן צי די קרייץ־ציער? גאַנצע ציוויליזאַציעס זיינען פאַר איר פאַרבייגערוישט, פעלקער, קליינע און גרויסע, באַצווינגער און באַצוואונגענע זיינען אַדורך אירע טויערן, גאַנצע קולטורן, מזרח׳דיקע און מערב׳דיקע האָבן זיך אין אירע מויערן צונויפגעשטויסן, אויפגעבליט און אונטערגעגאַנגען, — אָבער זי, די הייליקע שטאָט, שטייט היינט, פונקט ווי פאַרצייטנס, מאַיעסטעטיש, פעסט־איינגעגראָבן אין די בערג פון יהודה, אַ שטאָלצע, אַ פאַרעקשנ׳טע, אַ קעמפּענדיקע, גרייט ווידער צו שפּילן איר אַלטע, אַנפירנדיקע ראָלע.



מיט אַ סך מסירת נפש און גבורה האָט דער ישוב פאַרטיידיקט ירושלים און מיט אַ סך ליבשאַפט און קרבנות גרייטקייט האָט ירושלים מקבל געווען דעם שווערן גורל, וואָס די געשיכטע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט אין די אַנטשיידנדיקע טעג. זייענדיק איזאָלירט, אָפּגעריסן פון איבעריקן ישוב, האָט זי געקעמפט האַרט, פאַרביסן ביז צו אויסגעשעפּטקייט. יידן האָבן נישט געטאָרט און נישט געקאָנט מוותר זיין אַפילו אויף איין פּוסטריט באָדן אין ירושלים, און מען האָט אויסגעהאַלטן אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

ירושלים האָט נאָך נישט צוריקבאַקומען איר אַמאָליקן אויסזען, איר אַלטע חשיבות. זי איז דערווייל דאָס האַרץ, אָבער נישט דער מח פון פאָלק. דער צענטער פון דער יידישער מדינה איז תל אביב און סיי פּאָליטיש און סיי אַדמיניסטראַטיוו איז ירושלים במזל ירידה. האָט מען מיטן היסטאָרישן אַקט פון צונויפרופן אין ט״ו שבט די ערשטע יידישע קאָנסטיטואַנטע (די כנסת) אין די מויערן פון דער אַלטער הויפּטשטאָט, סימבאָליש פאַרבונדן דעם אייביקן צענטער פון פאָלק מיט דער אויפגעשטאַנענער נייער מדינה. ירושלים האָט אַ סך געליטן אין דער פאַרגאַנגנהייט. איר לאַגע איז געווען אַ מסוכנ׳דיקע, בלוטיקט זי נאָך פון אַ סך וווּנדן, וועט דאָס פאָלק זי מוזן היילן, זי רעהאַביליטירן, איר צוריקגעבן די קרוין פון הערשאַפט, איר אַמאָליקן גלאַנץ און ליכטיקייט.

איז דאָך ירושלים אַן אויסערגעוויינלעכע שטאָט. אונטער אירע הימלען הערשט אַ לופט פון גייסטיקייט און גרויסקייט, פון פרישקייט און קלאָרקייט. עס איז די אוירא דא״י, וואָס מאַכט קלוג, וואָס לייזט, רעגט אָן, שאַרפט דעם מח און באַרייכערט דאָס געמיט. עס איז די אייביקע שטאָט פון אייביקן פאָלק.

* * * * *

## 2. סאָציאַלע כוחות.

דאָס סאָציאַלע לעבן אין דער יידישער מדינה, ווי עס שיקט זיך אין ציטן פון רעוואָלוציאָנערע שטורעמס, איז נאָך דערווייל נישט אויסגעפורעמט. עס איז נאָך פליסיק, האַלט זיך אין איין איבערבויען. איז אין אַ כסדר׳דיקן פּראָצעס פון ענדערן זיך. דערווייל איז דאָס לעבן אָנגעפּראַפּט מיט געוואַלטיקע ענערגיעס, וואָס זוכן זיך אויסצולאָדן אין פאַרשיידענע פאָרמען, אין פאַרשיידענע ריכטונגען. שטייט מען פאַר גרויסע מעגלעכקייטן, האָט מען צו לייזן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון פּאָליטישן און סאָציאַלן אויפבוי, פון עקספּאַנסיע און אינטעגראַציע, פון עליה, פון פינאַנסן און קאָלאָניזאַציע. עס איז גאָרנישט דאָ, דוכט זיך, קיין שיעור צו די פּראָבלעמען, ווערן זיי הייס דיסקוטירט אין דער עפנטלעכקייט, ווערן אָן אַ שיעור עקספּערימענטן געמאַכט, טיילמאָל מיט נעגאַטיווע, אָפּט אָבער מיט פּלא׳דיקע רעזולטאַטן. ווערן פּלעצער אויסגעקאָוועט און פּלענער געביטן. איז אַלץ איין גרויסע, מעכטיקע לאַבאָראַטאָריע, ווו דאָס פאָלק אין זיין איצטיקן באַשטאַנד ווערט אַנאַליזירט, אויפגעלייזט אין זיינע עלעמענטן און ווידער סינטעטיזירט מיט דעם געוואַלטיקן רצון צו שאַפן אַ גרויסע, נייע גאַנצקייט.

שפּיגלט זיך דאָס אַלץ אָפּ אין דער פּרעסע, וואָס איז אַ לעבעדיקע, אַן אינטערעסאַנטע און וואָס האָט אויפצווייזן אַ ריי ערשטקלאַסיקע פּובליציסטן

און שרייבער. איז ווערט צו דערמאָנען, אַז ביי היינטיקן טאָג דערשיינען אין א״י אַרום 19 טאָגצייטונגען, בערך 30 וואָכנבלעטער (פון זיי 4 אין יידיש) און צווישן 45 ביז 50 אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס.

איז אויך די פאַרלאַג־טעטיקייט שטאַרק אַנטוויקלט און שטייט אויף אַ הויכן קינסטלערישן און טעכנישן ניווא. הגם ביכער זיינען בעצם טייער, איז פאַראַן אַ מאַרק פאַר אַ גוט בוך. פאַרנעמט די בעלעטריסטיק, בעיקר די שאַפונג מיטן פרישן צאַפּל פון דעם נייעם און ווערנדיקן, דעם אויפבאַן, איז אויך די וויסנשאַפט גוט פאַרטראַטן. דערשיינען כסדר וואָגיקע ביכער אויף פאַרשיידענע געביטן פון פאָרשונג. דערשטוינט איז מען ממש איבער די גרויסע צאָל ווערטער־ביכער מיט פאַך־אויסדרוקן פאַר כמעט יעדער מלאכה, אָנהייבנדיק מיט לאַנדווירטשאַפט, בוי, סטאָלעריי און אויסלאָזנדיק מיט דער בינען־צוכט און פייערלעשער.

גאָר אַ ווערטיקע און רעוואָלוציאָנירענדיקע ראָלע אין לעבן פון ישוב האָט שוין פון תמיד אָן געשפּילט די א״י׳דיקע אַרבעטערשאַפט. זיי זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער מאָדערנער מדינה, די בויער פון לאַנד, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער מדבר זי באַפרוכפּערן, טריקענען די זומפּן און אויפלעבן די פאַרדאַרטע, וויסטע ערד. איז טאַקע די אַרבעטערשאַפט אין משך פון יאָרן אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן כוח און איז ביי היינטיקן טאָג געוואָרן דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין לעבן און סאָציאַלן געבוי פון דער מדינה. איז זי שוין ריין נומעריש אַ דעצידירנדיקער כוח. באַטרעפט די צאָל פון אָרגאַניזירטע מיטגלידער פון דער הסתדרות (די געווערקשאַפטן) 194 טויזנט, וואָס מאַכט אָגב אויס צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אַן ערך 60 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין ישראל. פּאָליטיש און גייסטיק איז זייער וואָג נאָך אַ גרעסערע.

זאָל אויך נאָך באַטאָנט ווערן, אַז די הסתדרות איז אַ טיפּיש־א״י׳דיקע אָרגאַניזאַציע מיט פונקציעס כמעט מלוכה׳שע, געשאַפן געוואָרן צו דינען די ספּעציפישע אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן ישוב. זי איז נישט ענלעך צו די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין גאָר דער וועלט. וואָס טוט אַלץ נישט די הסתדרות? זי קאָנטראָלירט אַ גרויסן טייל פון דער קאָאָפּעראַטיווער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, פירט אָן מיט דעם סאָציאַלן שוץ און מיט אַ גרויסן טייל פון גייסטיקן לעבן אין לאַנד. דער ועד הפועל פון דער הסתדרות איז אין זיין פאַרנעם אַן אַנזעעוודיקער, זיין השפעה אַ ברייטע און דער ראַדיוס פון זיין אַקטיוויטעט אַ גרויסער. זיין בנין איז אַ ריזיקער אין צענטער פון תל אביב, פון וואַנען עס ווערט געלייטעט פון פאַרשיידענע דעפּאַרטאַמענטן דער קאָמפּליצירטער ווירטשאַפטלעכער אַפּאַראַט פון דער הסתדרות. פון דאָרטן ווערט אָנגעפירט די אַרבעט פאַר קאָלאָניזאַציע, פאַר אינדוסטריע און בוי, פאַר קאָנסום־קאָאָפּעראַציע און קרעדיט, פאַר קראַנקן־ און אַרבעטלאָזן־פאַרזיכערונג, פאַר קאָאָפּעראַטיווע וווינונגען און בילדונג א.ז.וו., בקיצור פאַר אַלע צווייגן פון אַ לעבעדיקן ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן אָרגאַניזם.



איז מען אויפן סמך פון דעם באַרעכטיקט צו האָפן, אַז עס וועט נאָך דער אַרבעטערשאַפט אין ישראל, הגם פּאָליטיש געשפּאָלטן, אָבער סאָציאַל פאַראייניקט אויפן באָדן פון דער הסתדרות, אויסקומען צו שפּילן אַ וויכטיקע און דעצידירנדיקע ראָלע אין דער צוקונפטיקער פורעמונג פון דער יידישער מדינה, העלפנדיק מיט אַלע איבעריקע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין לאַנד צו לייגן דעם יסוד פאַר אמת׳ער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

* * * * *

3. פּראָבלעמען פון קאָנסאָלידאַציע.

זיינען די ביזאַיצטיקע דערגרייכונגען גראַנדיאָזע, אומדערוואַרטעטע, ממש פלא׳דיקע, זיינען אָבער אויך די אויפגאַבן פון דער יונגער מדינה געוואַלטיקע, נישט־פאַרויסגעזעענע. שטייען זיי דערווייל נישט אין קיין שום פּראָפּאָרציע צו די רעאַלע באַדינגונגען פון דער ווירקלעכקייט. האָב איך שוין אין אַ פריערדיקן אַרטיקל אָנגעוויזן, אַז די צאָל נייע עולים (זינט מאַי 1948) וועט ביים סוף פון היינטיקן יאָר דערגרייכן אַן ערך דריי הונדערט טויזנט מענטשן, ביי אַ באַפעלקערונג פון קאַרגע זיבן הונדערט טויזנט נפשות. זיינען דאָס רעאַלע באַדינגונגען?

קען עס אָבער אויך ביי דער צאָל נישט בלייבן. מוז דאָך די עליה ווייטער אָנגיין און מן הסתם נאָך שטאַרקער, אינטענסיווער אין די קומענדיקע יאָרן. אַזוי פאַרלאַנגט דאָס געזעץ פון דינאַמיק. מיר טאָרן זיך נישט אָפּשטעלן, מיר מוזן כסדר וואַקסן און ווערן מער. קען דאָס אָבער נישט אָנגיין גלאַטן און בהדרגה׳דיק, פאַרטיילט אויף אַ ריי יאָרן. די טרייבענדיקע כחות פון דער געשיכטע, די איצטיקע פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע אין דער וועלט, פאַרלאַנגט אַ שנעלן טעמפּאָ פון אימיגראַציע, אָן אָפּרו, אָן פּויזע. קען דאָס אַמאָל הייסן, אַז דער קליינער ישוב מיט זיינע אָרגאַנען און אינסטיטוציעס קען ממש פאַרגאַסן ווערן פון די כוואַליעס פון די נייע עליות.

שטאַרקן די נייע מענטשן שוין ריין נומעריש די פּאָזיציע פון דער יידישער מדינה (און דאָס איז איינע פון די גרעסטע און פּאָזיטיווסטע אויפטוען פון ישראל), דערשווערן זיי אָבער אויף דער אַנדערער זייט די קאָנסאָלידאַציע פון לאַנד און קענען חלילה שטעלן אין סכנה אַלע ביזאַיצטיקע דערגרייכונגען. האָט נאָך קיין לאַנד אין דער וועלט, רעלאַטיוו גענומען, נישט געמאַכט אַזאַ גרויסע, אַזאַ איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג פון וועלן טעריטאָריאַליזירן אַזעלכע מאַסן אימיגראַנטן אין די קורצע צייט ווי די קליינע מדינת ישראל. רופן די נייע עולים אַרויס אַ פאַרשטענדלעכע איבערפילונג און ענגשאַפט. זיינען נישט פאַראַן גענוג דירות, איז פאַר טויזנטער נישטאָ וווּהין אַנידערצולייגן דעם קאָפּ.

מען האָט פאַר דעם לעצטן יאָר אין ישראל אַ סך אימפּראָוויזירט. מען האָט אַזוי אימפּראָוויזירטערהייט געוווּנען די מלחמה. ווייל עס איז פון אָנהייב נישט געווען מיט וואָס מלחמה צו פירן. האָט מען אויך אַן ערך הונדערט טויזנט מענטשן איינגעאָרדנט אין די ליידיקע הייזער אין די אַראַבישע שטעט

און דערפער. איז דאָס אַלץ אָבער נישט גענוג. ליגן נאָך ביי היינטיקן טאָג איבער פופציק טויזנט מענער, פרויען און קינדער (און די צאָל וואַקסט טעגלעך) אין איבערפולטע טראַנזיט־לאַגערן, אין אומגעזונטע וווין־באַדינגונגען, אָפט מיט חולאים, וואָס קענען לייכט ווערן אַ צענטער פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

דערמיט ענג פאַרבונדן, איז די התיישבות אין די אַראַבישע דערפער, אָפט וייט פון די צענטראַלע יידישע ישובים, מיט באַגרעניצטע קאָמוניקאַציע מיטלען און שווערע וווין־פאַרהעלטענישן, אַ שווערע, דריקנדיקע פּראָבלעם.

ווערן ערנסטע פרובן געמאַכט איינצוגלידערן אַ סך פון די נייע עולים אין די עקזיסטירנדיקע קבוצים, איז דאָס אַ שווערע לאַסט פאַר די קבוצים סיי פינאַנציעל און סיי מענטשלעך־געזעלשאַפטלעך. לעבן געוויסע קבוצים איבער אַ קריזיס. זיינען אָבער צווישן די עולים פאַראַן אַזעלכע אומרויקע, סאָציאַל פאַרסמ'טע עלעמענטן, וואָס ווילן זיך נישט און קענען זיך בפירוש נישט איינגלידערן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצים און אַנטלויפן פון דאָרט. אָרדענונג, דיסציפּלין איז פאַר זיי געוואָרן פרעמד, און סתם דער באַגריף „לאַגער" אָדער קבוץ (מיט זיין געבונדענער פרייהייט) איז פאַר זיי געוואָרן אַ שרעק־וואָרט, פון וואָס זיי אַנטלויפן.

וויל מען ליבער בלייבן אין די שטעט. דאָרט לייכטער צו לעבן און צו פאַרדינען. קען אַמאָל געמאָלט זיין, אַז דער דאָזיקער דעקלאַסירטער עלעמענט, פון מאָדערנע לופט־מענטשן, קען ווערן אַ שטערנדיקער פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. איז אויך אָפטמאָל דער עלעמענט, וואָס קומט פון געוויסע אַראַבישע לענדער, נישט תמיד צוגעפּאַסט צו די היינטוועלטיקע באַדינגונגען פון לאַנד. זיין קולטור־ניוואָ איז זייער אַ נידריקער און צווישן אים און דעם ישוב ליגן אַ הונדערט און פופציק יאָר פון פּראָגרעס און דערגרייכונגען. קען ער זיך נישט לייכט איינגלידערן אין דעם מאָדערנעם סאָציאַלן געבוי פון דער יידישער מדינה. און קען אַמאָל ווערן אַ קוואַל פון אומרו און שטערונגען.

פעלן טאַקע ביי היינטיקן טאָג נישט קיין פּראָבלעמען און שוועריקייטן. ווי דען אַנדערש? האָט מען דערוואַרט, אַז אַ רעוואָלוציע זאָל פאָרקומען אין לעבן פון פאָלק און אַלץ זאָל פאַרלויפן גלאַטיק, רויק און געלאַסן? נאָר פּאָליטישע קינדער און געזעלשאַפטלעכע פיליסטער האָבן געקענט האָבן אַזעלכע נאַיווע פאָרשטעלונגען!

* * * * *

## 4. גאולה און גלות

האָט אַ פאָלק געחלומט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר זיין חלום פון גאולה. האָבן זיינע שענסטע זין, זיינע חוזים און דיכטער, לערער און גייסטיקע פירער געטראָגן דעם גאולה־געדאַנק טיף איינגעגראָבן אין זייער האַרץ, אים געצערטלט, געשפּונען, אים פאַרטיפט, געלייטערט, געמאַכט שיינער און רייכער. האָט דאָס פאָלק אין משך פון דורות אויסגעזונגען זיין צער און יסורים, זיין



פּראָטעסט און נקמה, זיין פרייד און בטחון אין דערשיטערנדיקע לידער און קינות, אין האַרציקע מעשה'לעך און העלדן־געשיכטעס. האָט מען מיט די גליענדיקסטע פאַרבן געמאָלן דאָס בילד פון דעם גרויסן טאָג פון גאולה, די וויזיע פון דעם קבוץ גליות מיט אַלע זיינע וווּנדער און הערלעכקייטן. דערווייל אָבער האָט זיך דאָס פאָלק געטוליעט אין זיין אומדערשיטערלעכן גלויבן, וואָס האָט געשיינט קלאָר און העל אויף דעם פאַרכמאַרעטן הימל פון דער געגנוואָרט, געפונען טרייסט, פון דאָרט געצויגן זיין יניקה און געלעבט מיט דער האָפענונג פון דעם ליכטיקן מאָרגן.

האָבן מיר דערלעבט, אַז דער חלום ווערט אין שווערע פיין און ראַנגלענישן פאַרווירקלעכט, אַז דאָס פאָלק ווערט איפגעריכט און אויסגעלייזט פון זיין צושפּרייטקייט. קומט פאַר אַ קבוץ גליות, ווי די וועלט האָט אים נאָך נישט געזען. פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום קומען זיי די איבערגעבליבענע, די צעזייטע, די מידע און אויסגעמאַטערטע און מיט אויפגעהויבענע קעפּ און מיט אַ סך בטחון אין האַרץ באַטרעטן זיי דעם אַלט־נייעם באָדן. דאָרט, וווּ ווונדער זיינען שוין אַמאָל פאָרגעקומען, און וווּ די לופט איז שוואַנגער מיט אַלץ נייע מעגלעכקייטן. איז מעגלעך, אַז די גרויסע, היסטאָרישע געשעעניש זאָל נישט אַרויסרופן אַ טיפן פונדאַמענטאַלן איינשניט אין לעבן פון פאָלק, אַז עס זאָל נישט פאָרקומען אַ ראַדיקאַלער שנוי אין דער מענטאַליטעט און פּסיכיק פון פאָלק, אין זיין אופן טראַכטן און פילן, אין זיין זינגען און זאָגן, אין זיין גלייבן און האָפן?

איז דאָך דער חלום פון גאולה געווען איינער פון די הויפּטזיילן, וואָס האָט דערהאַלטן און צוזאַמענגעהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין משך פון אַ דורות־לאַנגן גלות. האָבן דאָך פאַרבענקטע הערצער אויסגעגאָסן זייער בענקשאַפט צו ציון אין אומצאָליקע תפילות, געקלאָגט און געטרויערט אויפן חורבן פון פאָלק און לאַנד. ווי אָפט האָט מען איבערגע'חזר'ט דעם פּאַטעטיש־פּלאַמעדיקן אויסגעשריי פון „לשנה הבאה בירושלים". איז דאָך, למשל, דער „ובא לציון גואל" געווען נישט סתם אַ פראַזע, אַ סקאַרבאָווער נוסח פון אַ מגיד, אָדער אַ פאָלקס־דערציילער, בעת ער האָט פאַרענדיקט זיין דרשה אָדער זיין ספור המעשה. עס איז גיכער געווען אַ שטיק לעבעדיקע ווירקלעכקייט, ענג פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער נשמה און לעבן פון פאָלק. אין דער אמתן איז גאולה, שיבת ציון אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע געווען נישט נאָר אַן אידעאַל, אַ מעטאַפיזישער באַגריף, נאָר אַ שטיק רעאַליטעט, אַ קאָנקרעטער ענין, וואָס האָט געקאָנט יעדן טאָג, יעדע שעה ווערן פאַרווירקלעכט. האָט מען זיך טאַקע אַ לעבן־לאַנג דערצו געגרייט. אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט פאַר דעם ליכטיקן מאָרגן, וואָס וועט קומען אַזוי פּלוצים, אַזוי בהיסח הדעת. אַז מען האָט נישט אויפגעהערט דעם דאָזיקן מאָרגן כסדר צו דיסקוטירן, אים סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש צו באַהאַנדלען. און אַפילו געהאַט גרייט אַ גאַנצן שלחן ערוך מיט דינים און הלכות אין אַלע זייערע דעטאַלן פאַר דעם טאָג פון גאולה. פרעגט זיך טאַקע איצט, ווי וועט דאָס פאָלק רעאַגירן אויף

דעם נייעם און ווי וועט זיין זיין באציונג צום אלטן, צו דעם ביזאיצטיקן, צו זיינע חלומות, האפנונגען און תפילות פון נעכטן? אויף וואס וועט זיך דאס פאלק, בפרט אין די גלות־לענדער אנשפארן?

איז דאך פאר אונדזערע אויגן פארגעקומען א טיפער איבערבראך אין לעבן פון פאלק, א פראצעס, וואס האלט ביים איבעראנדערשן דאס גאנצע לעבן פון פאלק, דעם גאנג פון זיין געשיכטע. מען איז, שיער נישט איבערנאכט, אריבער פון פאסיוויטעט צו געשיכטלעכער אקטיוויטעט, פון זיין בלויז אן אביעקט פון דער געשיכטע, צו א סוביעקט און לאמיר האפן ווייער אן אקטיוון, דינאמישן סוביעקט. וועט דאס דאך בלי ספק ברענגען מיט זיך א טיפע ענדערונג אין דעם צוגאנג צו יידישער געשיכטע־שרייבונג. אין דער אויסטייטשונג פון פענאמענען און פאקטן. וועט דאך מוזן אנטשטיין א מחיצה צווישן דעם היינטיקן סארט טראכטן און פילן, דעם אויפפאסן און דערקלערן, און דעם פון קומענדיקע דורות.

קומט דאך פאר, אפשר דערווייל בלא יודעים, אבער באלד וועט דאס זיין קלאר פאר אלעמען, א פונדאמענטאלע איבערוווערטונג פון א סך, אויב נישט פון אלע ביזאיצטיקע ווערטן. אט למשל די דברי נחמה, די פינצטערקייט פון גלות, דער צער האומה, איר בטחון, וואס זענען געווארן אויסגעזונגען אין משך פון דורות, די טרייסט־און נקמה־ווערטער, באקומען דאך אויף איינמאל א גאנץ אנדערן זין. ווערט דאס פאלק אויסגעלייזט און ווען נאר אפילו פאמעלעך און צוביסלעך, ווערט דאך די שכינה (עמו אנכי בצרה) אויך אויסגעלייזט. הערט דאך אויף די וואונדערלעכע מיסטישע קאנצעפציע פון דער טרויערנדיקער שכינה, וואס אירע קינדער זיינען געווארן פארטריבן פון זייער לאנד, און וואס נידערט אראפ מיט זיי אין גלות אריין און ליידט מיט זיי די זעלבע פיין און יסורים. דעמאלט הערן דאך אויף די ביטערע איכה׳ס, די קינות און טרויער־געזאנגען, די מדרשים פון נויט און טרייסט, — איז דאך אלץ מיט אמאל געווארן אנדערש...

ווייסט איך טאקע נישט ווי, אבער זיכער בין איך, אז קומענדיקע דורות וועלן אנדערש רעדן, זיך באנוצן מיט אנדערע אויסדרוקן און מעטאפארן, אנדערש דיכטן, אנדערש פילאזאפירן און אנדערש פארטייטשן געשיכטע. זיי וועלן אויך אנדערש מאכן געשיכטע!

* * * * *

5 ציוניזם און מדינה.

וואס וועט זיין, פרעגן מיר זיך איצט, דער גורל פון ציוניזם? וועט די הייליקע בענקשאפט צו ציון אויפהערן צו זיין א באפרוכפערנדיקער עלעמענט אין דענקן און טראכטן פון פאלק? און אויב ס׳זיינען געווארן געלייזט די פאליטישע פראבלעמען פון ציוניזם, הייסט עס פאר א סך, אז די גאולה איז שוין געקומען?

אודאי האט דער ציוניזם אין די גלות־לענדער א סך געזינדיקט. עס איז פון יענע זינד, וואס די עוואנגעליע רופט זי אן, די זינד קעגן דעם גייסט. ער



האט אפט געהאט פארנאכלעסיקט זיין שורש, פארגעסן, אז ער האט געברענגט דעם יידישן פאלק די גרויסע בשורה פון רענעסאנס, פון גייסטיקער באנייונג, און וועלכער ס׳וואלט קיין פאליטישער ציוניזם נישט מעגלעך געווען. דאגעגן האט מען, עפ״י רוב אין די מערב־לענדער, דערצויגן א דור פון כלל־טוער, פון גבאים און צדקה־קלאפערס, וואס פארשטייען דעם ענין צדקה, „טשאריטי״ זייער גוט, אבער ווייטער גייט זייער השגה נישט. איז וואס פאר א חדוש, אז מ׳הייבט שוין אן באצייטענס, ביי אונדז און אין אמעריקע, א געטומעל, אז מען דארף שוין היינט נישט די ציוניסטישע באוועגונג, אז ציוניזם אין גלות איז אן ענין פון דער פארגאנגנהייט. דער חזון איז שוין געווארן פארווירקלעכט!

דער אמת׳ער ציוניזם (נישט זייער „זייאניזם״), אלס דער גרויסער אינסטרומענט פון יידישער אויפלעבונג. דער טרעגער פון דער גרויסער גאולה־קאנצעפציע, פון גייסטיקער און פיזישער אויסלייזונג פון פאלק, איז צו זיי קיינמאל נישט דערגאנגען. גייסטיק לעבן די סארט יידן ווייטער אין זייער כתרילעווקעס, און די קבצנסק, וווּ עס איז תמיד פינצטער און קיין ליכט קומט קיינמאל נישט אהין. פאר זיי איז געווען א „זכר לחורבן״־ציוניזם מיט א נדבה פאר א״י. זייער ציוניזם איז אן ענין פון הילף פאר די געליטענע, א היים, א דאך איבערן קאפ פאר די פארפאלגטע און פליטים. העכער, טיפער קענען זיי נישט זען. זיינען זיי יוצא מיט א צדקה־חברה, צי וואס דארפן זיי האבן א באוועגונג?

דאס מוז פירן צו א סטאגנאציע און דעסינטעגראציע אין ציוניזם און קען האבן פאטאלע רעזולטאטן פאר דער צוקונפט. אזא גלייכגילטיקע אדער גאר נעגאטיווע באציונג צו די עיקרים פון דער יידישער אויפלעבונג־באוועגונג קען דערפירן, אז דער קוואל פון שאפערישער באנייונג אין די לענדער פון דער צושפרייטקייט זאל ווערן אויסגעטריקנט און די לעבעדיקע פארבינדונג מיט ישראל אויב נישט איבערגעריסן, זאל ממש ווערן א פארס. דא, אין די גלות־לענדער ברויכן זיי שוין גארנישט, מיט עולם־הבא האט מען זיך שוין פארזארגט דארטן, אין א״י. בפרט נאך, אז דער ישוב איז א בר־קיימא און האט באוויזן אזויפיל גבורה, אזויפיל נסים׳דיקייט. דער קולט פון גבורה איז יעצט געווארן די גרויסע מאדע. דוקא אין יענע קרייזן חנ׳דלט מען זיך גאר שטארק מיטן ווארט גבורה און גבורים, אפנים, אז גבורה קען נאר געמאלט זיין אויפן שלאכטפעלד, אין קאמף מיטן שונא! אין דער דאזיקער התלהבות׳דיקער איבערשעצונג פון ווערטן, פארגעסט מען לגמרי אין יענער שטילער, צניעות׳דיקער גבורה, וואס ליגט אין כער גרויער, טאג־טעגלעכער ארבעט, וואס איז אין משך פון לאנגע יארן געווען א קוואל פון אויפמונטערונג און עקשנות׳דיקער קרבנות־גרייטקייט. עס איז א קאמפענסאציע אויפן חשבון פון יענע גבורים און קדושים, וואס האבן פשוט, אן טעאטראלישקייט געטון זייער פליכט און פארטיידיקט זיך און זייער פאלק, ווען די צייט האט דאס געפאדערט, ווייל אנדערש האבן זיי נישט געקענט האנדלען. א דאנק זיי לעבן מיר טאקע יעצט פון הערא־ישע קרבנות, אומעטום העלדנטום, אומעטום קדושה, — דוקא בשעת

אונדזער לעבן דאָ איז אויסגעלייזט, פּוסט אָן העראָיזם און אָן קדושה.

די גייסטיקע און פיזישע נויט פון פאָלק, דער טיפער אויסגעשריי נאָך גאולה, וואָס האָט זיך אַזוי שטורעמדיק געטראָגן די לעצטע יאָרן דורך די וועלט, איז צו דעם מין „ציוניסטן" נישט דערגאַנגען. זיי האָבן נישט דערזען דאָס הייליקע פייער פון ברענענדיקן דאָרן, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט (אַגב איינע פון די אָפּט־באַנוצטע מעטאַפאָרן, וואָס באַצייכענען די נצחיות פון יידישן פאָלק). זיי זיינען פון דעם נישט געוואָרן אויפגעציטערט. זיי פאַרשטיין נישט, אַז גאולה, דער אייביקער חלום פון פאָלק, איז נישט בלויז אַ פּאָליטישע דערגרייכונג.

דערווייל שטייען מיר נאָך ביים אָנהייב פון דער געוואַלטיקער היסטאָרישער אויפגאַבע, וואָס הייסט באַפרייען דאָס גאַנצע פאָלק. פרייהייט ווערט אָבער נישט געגעבן אַלס מתנה, זי מוז ווערן דעראָבערט יעדע שעה, יעדן טאָג, תמיד. האָט דעם געדאַנק שוין וווּנדערלעך פאָרמולירט דער גרויסער געטהע (אין „פויסט" 2־טן טייל), אַז „נאָר דער פאַרדינט זיך פרייהייט ווי דאָס לעבן, ווער עס מוז זי טעגלעך דעראָבערן". עס איז אַ פרייהייט מיט אַ גרויסן עטישן אינהאַלט, אַ פרייהייט מיט אַן אייביקער, מיט אַ משיחישער, דערלייזנדיקער אויפגאַבע. גאולה אין איר איצטיקן מדינה־לבוש איז נאָר אַ פּאַוזע, אַ שטאַפּל אין דעם גרויסן דראַמע פון ייד־ און וועלט־אויסלייזונג, אַ לאַנגער פּראָצעס פון זעלבסט־באַפרייונג, פון לייטערונג און אינעווייניקסטער זאַמלונג, וואָס זיין סוף איז נאָך נישט געקומען.

(סוף)

מערץ—אַפּריל 1949.

---

## מאַקס הערשמאַן

## אַהאַספּער

(געווידמעט מדינת ישראל)

שוין האָט ישראלס פאָן געטון איר ערשטן פלאַטער
און עם ישראל שטייט דעם קאָפּ הויך אויפגעהויבן —
אויף אַ־דעם גורל־טאָג פון תחיה און דערלייזונג
צוויי טויזנט יאָר געוואַרט מיט האָפענונג און גלויבן!...

אַ, אַלטער אַהאַספּער, איך וויפל פרעמדע וועגן
געפאַלן איז דיין טראָט אין דיינע נע־ונדן?
ביי וויפל האָפנס איז דיין שיף געווען געאַנקערט
און ניט קיין שלוה'דיקער ברעג אַוואו צו לאַנדן?



אַ האַנט ווער האָט אַמאָל דיר אויסגעשטרעקט אין וואָגל,
אַ טרייסט וואָרט ווער געלאָזט האָט פון די ליפּן פאַלן? —
אָן איינזאַמער געבלאָנקעט האָסטו איבער וועלטן,
דיין עלנט אויסגעוויינט אין פיינדלעכע קוואַרטאַלן!...

ווי הונט אויף קייט, דיך אין אַ געטאָ־שטייג געהאַלטן,
וואו אַ פאַרשעמטער זאָלסט פאַמעלעך שמאַכטן,
און אויפן טויט — דורך סם, דורך גאַז און העליש פייער —
מיט שמע ישראל אויף די ליפּן אַנגסטיק וואַרטן!

וואַך אויף, אַ, וואָגלער אייביקער, פון וויסטן שלומער —
די לאַנגע נאַכט טרעט אָפּ דעם וועג פאַר דעם באַגינען;
דעם גלות חושך שאַר אַראָפּ פון דיינע אויגן
און זאָל גאולה־ליכט אין זיי זיך פריי צערינען!

פון לעצטן דערנער־וועג דעם גבול דו ביזט אַריבער —
אַ נייער, זון באַשטראַלטער, קומט דיר איצט אַנטקעגן;
און אַלץ, וואָס זעסט — דער ים, דער לויטער־בלויער הימל,
די מוטער־ערד, די רו — יאָ, אַלץ פון דיינעטוועגן!

נו, טרייסל אָפּ דעם שקלאַפן־שטויב פון דיינע אַקסלען,
און טרעט די שוועל אַריבער פון דיין היים דער נייער;
דעם וואַנדער־שטעקן לאָז אין גלות פאַר די ווינטן,
אויס וואָגלער — ביזט אַ מענטש, אַ שטאָלצער און אַ פרייער!...

---

## א. מ. פוקס

## טונקלע טעג

(המשך)

די טויב צעליאַרעמטע שניי־בערע האָט פראָסטיק־שאַרף און בלינד צערייבערט וואַיענדיק געווערבלט מיט טריקען צעמאַלענע שנייזאַלקנס פון אונטן אַרויף, זייטיק פון די ווייס־פאַרשיטע דעכער אַראָפּ. האַרבברענענדיק פאַרכאַפּט דעם אָטעם. שטעכיק ווי אייזנאָדלען געשמיסן אין פּנים און געבלענדט די אָנגעפרוירענע אויגנברעמען מיט אַ וויסטן נעפּל פון ווייסער פינצטערניש. אַז ס'האָט זיך אויסגעדוכט דאָס די צעשטורעמטע וועלט איז גריילעך צעשאָטן געוואָרן אויף ווייסן שטויב, אָן אַ ממשות, נאָר טעמפּ אָנגעפּלייצט מיט עפּעס אַ פאַרהוילענעם גליווער, וואָס איז געווען שווערער פון שטיין און האַרטער פון אייזן.

די שניי־פאַרשאָטענע יידישע שטעטל הייזלעך אַרום דעם ווייסן ליידיקן מאַרק־פּלאַץ, זענען ווי קברים בערגלעך פאַרזונקען געווען אין פאַרלוירענעם שטום־שווייגן און נאָר אין דעם גרויסן שטיינערנעם גמינע הויז, מיטן בלעך־

כערנעם צעקרעכצטן האָן אויפֿן קרומען שינדלדאַך האָט פֿון פֿאַרטאָג אָן גערודערט אַ בייזער געטומל, דאָ שטיל געדעמפּט, דאָ שרייענדיק, צעגראַגערט פֿון די פֿיל אָנגעפּאַקטע מענטשן קופּעס, זעלנער, גוים און יידן. אין דעם קאַרגן בלינדן שיין, וואָס האָט שרעקיק געבלייכט פֿון די קליינע פֿאַרמיסטיקטע און פֿאַרגראַטעטע פֿענצטער־שייבלעך, ווי ביי אַ תּפֿיסה, האָט זיך גרינלעך געקנוילט אַ געדעכטער רויך־וואָלקן הויך, אונטער דער שוואַרץ־פֿאַרייכערטער סטעלי, אָנגעזאַפּט מיט אַלטן איינגעפּרעסענעם זויערן קהלשן שוויס, ווי אין אַ מרחץ, און צעפּאַרעט גענעפּלט אין טונקלען וואַנד־ווינקל, דעם גרויסן הילצערנעם צלם, וואָס איז דאָרט ווי פֿאַרגעסן געהאַנגען איבערגעבויגן, מיטן צוגענאַגלטן נאַקעטן בילד, דאָס שאַרף־געשניצטע באַבערדלטע פּנים, גרימיק פֿאַרצערט, דאָס פֿאַרטוכל קרימלעך פֿאַרבונדן אויף די לענדן.

דער אָנגעטראָגענער שניי פֿון די שווער געקאָוועטע שטיוול, האָט גענעצט מיט בלאָטיקע טייכלעך אויפֿן שטיינערנעם דיל. די ליידיקע בירפֿעסער אָנגעשטעלט ביי די ווענט, אָנגעוואַלגערט שטרוי פֿאַרמישט מיטן האַרבן בראַנפֿן ריח פֿון די צעפּאַרעטע גוים, האָט דערמאָנט די אַמאָליקע שטעטל יאַרידים, פֿולע שענקען און געוועלבער מיט פֿאַרהאָוועטע מענטשן, מיט ליי־זונג און שפע. נאָר אַצינד איז אין דעם געדעכטן געדרענג פֿון די שווערע לייבער געווען פֿאַרהאַקט, עפּעס אַ בייזע פּוסטקייט, וואָס האָט באַנג געגנאַגט ס׳חיות, ווי אין אַ וויסטן חלום, מיט פֿאַרטונקלטן שרעק געפּלאָנטער. ס׳האָבן זיך דאָ געשטיפּט בייזע רוטענער כלאָפּעס, לאַנגע ווי דראַנגען, מיט פֿעטע האַרקודלעס, רונדיק פֿאַרשוירן איבער די קורצע שטערנס, אין ברייטע שאָפֿענע פּעלצן, מיט צערייכערטע לולקע־ציבוכס אין די מיילער. זייערע זין, יונגע בלאַנדע שקצים אין דיקע, פֿאַרביק אויסגענייטע העמדער, האָבן צאָרנדיק געפֿינטלט מיט זייערע שמאָלע ווייס־ברעמענדיקע אויגן און קוויטשנדיק געגוגערט מיט זאַט גערויטלטע פּנימער. פּוילישע זעלנער מיט ביקסן אויף די אַקסלען, האָבן גרימיק אָנגעדרודלט, געהיט אין באַזונדערן ווינקל, אַ געזעמל פֿאַרכאַפּטע יידן, עלטערע לייט, מיט באָרדיק־פֿאַראומערטע פּנימער, פֿאַרקנעפּלטע אין זייערע שוואַרצלעכע געלאַטעטע טוליקעס, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען ווי פֿאַרלוירן און צענויפֿגעדרענגט, מיט די פֿאַרשפּיצטע יאַרמולקעס אויף די קעפּ. די יונגען האָבן געהאַלטן די היטלען אין די הענט, אומרואיק געשטרעקט די בלויזע צעשויבערטע קעפּ, געסוד׳ט זיך מיט שאַרפֿע זוכנדיקע בליקן און שוין שטיל געפּלאָנעוועט זיך אַרויסצוכאַפּן פֿונדאַנען:

— וואָס מיינסטו, משה יאַנקל, מ׳דאַרף אפֿשר דעם כלב ביי דער טיר, אַריינרוקן אַ צענעריל אין דער יד אַריין, האָ?

— עך זאָג, מ׳זאָל אים בעסער אונטערהאַקן אַ־זייט און מאַכן אַ ויברח

— האָט סענדער מנחם׳ס גע׳עצה׳ט:

— ו׳סעך דאָרט /אָס, ס׳טויג נישט. די זעלנער וועלן כאַפּן און שיסן יידן אין שטעטל — האָט געזאָגט זיין ברודער יאָסל בלייך צעשמייכלט מיט די גרויסע ציין און אויסגעצוימטן לאַנגן פּנים, ווי ביי אַ שפּאַרבער.



— העי, חברה, ווער האָט אַ שוועבעלע. ס׳וואָלט דאָ כדאַי געווען היינט אַרויפֿצושיקן דעם רויטן האָן אויפֿן בוידעם...

— אַ שטיקל שׂרפֿה וואָלט טאַקע נישט געקאָנט שאַטן, כ׳לעבן, ס׳עט ווערן אַ מהומה.

— שאַ נאָר, ווּ איז ערגעץ פֿייביש אָרעלע שענקערס? אַהאַ, דער ממזר איז שוין עוקר געווען, ס׳איז דאָ אַ לאָך אין דער וואַנט, אונטער דער טיר אין פּירהויז, ס׳איז דאָרט פֿינצטער. מ׳קאָן זיך טאַקע גוט טון אַ דריי אַרויס און גיי זוך מען.

— ס׳איז אפֿשר גלייכער זעך צו פֿאַרן דורכן קעלער, האָ?

— זייט שטיל חברה, ווענט האָבן אויערן, ש־אָ־אַ.

אויבנאָן, ביים לאַנגן דעמבענעם גמינע־טיש, זענען שוין גאוה׳דיק־געשטרעקט, גלייך זיי וואָלטן איינגעשלינגען אַ שטעקן, געזעסן די פּריציש אויסגעסטרויעטע פּוילישע אָפֿיצירן פֿון דער אַסענטירונג קאָמיסיע, כדי אָפּצוגעבן פֿאַר זעלנער די רוטענער גוים און די יידן. באַוואָפֿנט זענען די פּאָליאַקן מיליטער לייט געווען ביז די ציין. גרויסע פּיסטוילן אין געלע לעדערנע שיידן, לאַנגע בלודיק שווערדן אָנגעגורט אויף די לענדן, בינטן האַנטבאָמבעס, מאַשין ביקסן און קורצע מעסערס אין די גאַראַטלען. זיי האָבן גרימיק געשטרעקט די ברייטע ברוסטן און אין גרינלעכן געלבלעכן טאַבאַק־רויך, האָט אַלע מאָל אומהיימלעך אַ שיין געטון דער שאַרפֿער גלאַנץ פֿון מעשענע קנעפּ, פֿון גילדענע בענדלעך, און זילבערנע שנירן אויף זייערע ענג געפּאַסטע מונדירן. מען האָט דאָרט שטרענג געשריבן אין די פּאַפּירן, מיט שנאַהדיק שטאָלצע בליקן בודק געווען, באַטראַכט איינציקווייז די נאַקעטע שטאַרקע לייבער פֿון די רוטענער גוים, זיי איינעם נאָכן אַנדערן אָפּגעגעבן פֿאַר זעלנער צו דער פּוילישער אַרמיי און זיי באַלד אַוועקגעפֿירט, אונטערטרייבנדיק מיט בייטשלעך, ווי פֿערד וואָס מען האָט איינגעהאַנדלט אויפֿן יאַריד.

געבויגן אין דרייען צווישן דער קופּע יידן אין ווינקל, וואָס האָבן דאָ געוואַרט אויף זייער ריי צו גיין זיך שטעלן פֿאַר דער קאָמיסיע, איז אויכעט געשטאַנען דער אַלטער חנא איצי דער מלמד. דער זקן איז געווען עפּעס אויסגעשמירט מיט ליים און מיט זיין בלענד־ווייסער באָרד און פּאות וואָס האָט שטראַליק אַרומגענומען דאָס גאַנץ אויסגעשפּיצטע פּנים מיטן הויכן ווינקלדיק צעאַקערטן לומדן שטערן, האָט זיין אויסזען געהאַט די קנעכערנע איידלקייט פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם צדיק. ער האָט אונטערגעהויבן ביידע אויסגעדאַרטע הענט וואָס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין די אַרבל פֿון זיין צעריסענעם פּוטער, פֿאַרגאַראַטלט מיט אַ שטריק, פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיין שכן, דעם קראַנקן מנחם און מיט אַ שפּאַטיש צעשמייכלט האַלב פֿאַרמאַכט אויג, אַ זאָג געטון:

— זע נאָר, מנחם, דו ביזט אויך דאָ? דער נעמט מען אויך פֿאַר אַ זעלנער? דו וועסט אויך גיין אין דער מלחמה שיסן? אַ טפֿו זאָל דאָס ווערן. משוגעים. אַ וועלט מיט משוגעים.

— אזאַ שיינער זעלנער ווי איר זייט, רב חנא־איצי, בין עך נאָך אויכעט ניש׳קשה. מיר מעגן זיך נאָך פאַרגלייכן דעם רומעל... סיידן מ׳וועט אייך אָפּגעבן צו די דראַגונער... — ענטפערט מנחם מיט זיין האַרבן האַלבן שמייכל נאָר פאַרקרומט, ווי אַביסל באַליידיקט, בעת דאָס אויסגעצערטע פּנים, געל ווי וואַקס, איז געווען האַרט געשאַטנט פון דער צעקנאָדערטער באָרד און די קאַליע געווּרן אויגן, ליידנדיק פאַרטראַכט, ערגעץ אין אַנדערע וועלטן.

— טאַקע? וואָס גלייכסטו עפּעס מעך צו דיר? עך בין דאָך עפּעס שוין אַ ייד קרוב לשמונים, עך האָב דאָך שוין ב״ה אויסגעגעבענע אייניקלעך. אָבער דו, מנחם, ביסט דאָך נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, כע־כע־כע, נאָדיר גאָר אַזוינס אויף דער עלטער, האַ, וואָס זאָגסטו? מענטשן, טוטס נאָר אַ קוק, ס׳איז דאָך טאַקע קריעת ים סוף, איאַ? — און חנא־איצי צעלאַכט זיך מיט זיין דריבנע און קלוג געלעכטערל, צעשטראַלט אין אַלע פאַרמעטענע פּנים קנייטשעלעך, וואָס בליען דוכט זיך מיט פאַרבאָרגענע סודות פון הייליקע ספרים, בעת ער טוט שווער און ביטער צושאָקלען מיטן גרייז־גראָען קאָפּ, די יאַרמולקע ווי אַ איבערקערט ערדן שיסעלע, אָנגעוואַקסן אויפן שפּיץ:

— היי היי, שיין דערלעבט זיך, מ׳שלאָגט אַלטע לייט, מ׳איז מבזה, מען ראַבעוועט, נו, אַזוינע צייטן היינט, האַ? פרעגט מעך אַ שטייגער בחרם צוואָס עך שטיי דאָ, וואָס כ׳טו דאָ, וואָס האָבן זיי צו מיר? כ׳האָב געהאַלטן היינט אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, פונקט אין מיטן אויסקלעבן די שטוב מיט ליים, האָבן מעך די זעלנער געכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט צום שטעלונג. אפנים, נאָך ווייניק זיך אָנגעליטן די לעצטע פאַר יאָר פון דער מלחמה, ווייניק אָפּגעקומען? הערט איר, יידן, עך האָב מורא, אַז די מעשה הויבט זיך ערשט אָן, אַז ס׳הייבן זיך ערשט אָן נייע מלחמות מיט נייע גזירות און נייע צרות. מיר זענען ב״ה נאָך לאַנג נישט פאַרטיק. מי יודע וואָס ס׳וועט זיך נאָך אָבטון. די גויים שפּילן זיך נישט מיט אונז... געדענקט מענטשן פאַרכט אייך פאַר גאָט.

די יידן האָבן געשוויגן מיט פאַרקלעמטע אָטעמס, פאַראומערט און צונויפגעדרענגט אין פאַרטונקלטן ווינקל, ווי פאַרזונקען אין אַ בלינדן כמאַרע גליוּוער.

צוויי זעלנער האָבן אַריינגעפירט אייזיק דעם שוחט׳ס און ווי אַ זאַק ביינער אים אַ וואָרף געטון צום געזעמל יידן. ביי אייזיקן זענען די פּאות געווען צעפּלאָנטערט פון שרעק, די באָרד ביסלעכווייז אויסגעפליקט און אונטערגעבונדן מיט אַ געלער פאַטשיילע. איין אויג איז געווען בלאָ אונטערגעשלאָגן, דאָס מויל צעקרימט פון יסורים. ער האָט זיך דערפרייט אומגעקוקט צווישן די היימישע לייט, אָפּגעווישט דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים, צורעכט געמאַכט זיין הולך, שווער אָפּגעאָטעמט און ס׳האָט ווידער אויפגעשיינט זיין גרויסער בטחון אין דער נשמה. אייזיק דער שטעטלדיקער ציוניסט און אלמן, איז געווען אַ גלעזער. נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין גלאָז אַריינצושטעלן שויבן אין די אויסגעזעצטע פענצטער, האָט ער זיי פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך און נישט געקאָנט פאַרדינען אויף זיין אָרימער חיונה. מיט זיין לאַנגער האַנט האָט ער



באַלד געפּאַכעט אינדערלופטן און געגעבן צו פאַרשטיין מיט זיינע קלאָרע ווערטער, היציק און פאַרטראָגן ווי אין אַ אַנדערער וועלט די גאַנצע פּאָליטיקע, וואָס ער האָט געלייענט אין דער יידישער צייטונג, אַז ס׳איז נישט קיין יושר, וואָס מ׳נעמט די יידן צו די זעלנער, פשוט, ווייל מיר יידן האָבן דאָ נישט קיין פאָטערלאַנד, נאָר דאָרטן אין ארץ ישראל איז אונזער מדינה. וואָס למשל, האָבן געהאַט די יידן דערפון, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן קייזער פראַנץ יאָזעף? דערנאָך האָבן די רוטענער זיי גענומען צו שלאָגן זיך אַקעגן די פּאָליאַקן. איצט נעמען אונז די פּאָליאַקן זיך צו שלאָגן אַקעגן די רוטענער. ווו איז דער שכל, האַ? און וואָס וועט זיין ער סוף? ער, אייזיק, זאָגט זיינס, אַז יידן דאַרפן מאַכן אַ נאַציאָנאַל־ראָט און פּראָטעסטירן.

— האַ, וואָס הייסט עפּעס דאָס? נו, יידן, זייט נישט קיין פּחדנים. לאָמיר פּראָטעסטירן, לאָמיר שרייען, לאָמיר פאָדערן אונזערע פּאָליטישע רעכט. מיר זענען אויכעט אַ נאַציאָן מיט אַן אייגן לאַנד אין ציון וואָס די באַלפור דעקלאַראַציע האָט באַשטעטיקט ביים פעלקערבונד. איר פאַרשטייט צי ניין. נאָט, שרייבט אייך אונטער אָט אויף דעם פּאַפּיר, און גיט אָפּ די שטימע. עך בין דער פּרעזידענט, איר מוזט מיך וועלן מיט אַ שטים, וועלן מיר אַריינטראָגן דעם פּראָטעסט צום קאָמאַנדיר.

— שאַ נאָר אייזיק, וואָס רעדסטו עפּעס, וואָס ווילסטו טון? הער נאָר.

די עלטערע לייט האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ דולן, אומגלויביק אַ הייב געטון אַן אַקסל:

— ווער, וואָס, ווען?

פון זיין „פּאָליטיקע“ מיטן „פּרעזידענט“ מיטן „פּראָטעסט“, האָט געשמעקט מיט הוריות און פון זיינע הויכע פרעמדע רייד האָט אַצינד, אין דער עת צרה, געוויינט מיט אומרו. ווער ווייסט וואָס אייזיק קאָן נאָך דאָ אָנאַרבעטן מיט זיין פּאָליטיקע, עפּעס אַ נייע צרה חלילה.

— ווייסעך וואָס, אַ נעכטיקער טאָג — ס׳וועט גאָרנישט העלפן, — האָט געזאָגט דער רויטער הערשל מיט ביטול.

— ס׳קאָן נאָך אַרויסקומען יענע מעשה. מ׳וועט איינזעצן אַלע יידן אין רעשט און שוין — האָט ישראל־עלי דער בעדער מורא געהאַט. — מען טאָר די גויים נישט זיין צו גרויס אין די אויגן. יידן טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז מען איז אין גלות. אוי רבונו של עולם, — האָט געזאָגט ר׳ חנא־איצי זייער פאַרקלערט, מיט אַ טיפן זיפץ — משיח... משיח, צדקינו, — האָט ער פרום געמורמלט מיט די בלייכע ליפּן, און פאַרכטיק גיך אַפיר געטון מיט אַ דאַרער האַנט איבער די ווייסע לאַנגע ברעמען בינדן פון די פאַרמאַכטע אויגן. גלייך זיין פאַרהוילענער בליק וואָלט געבלענד געוואָרן אין פייער פון דער פלאַמיק געלעכטיקטער זעאונג.

די יונגעלייט אָבער, ווי וואויל שווער פאַרהאַרטעוועט פון פּראַסטקייט, האָבן פאַרט מיט דרך ארץ געקוקט אייזיקן גלייך אין מויל אַריין. זיי זענען געווען זעלנער אין דער עסטרייכער מלחמה, האָבן שוין געזען די וועלט, גע־

ווען אין גרויסע שטעט און זיי האָבן אַצינד גריילעך באַנומען דאָס גערעכטע וואָרט, וואָס איז וואָרעם געדרינגען אין האַרץ מיט דערהויבונג. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אייזיק איז אַצינד דער מנהיג און זיי האָבן געפילט, אַז מען דאַרף אים געהאָרכן. אין זייערע לעבעדיק צעגלאַנצטע אויגן האָט שוין געגליט די בענקעניש צו דער צוגעזאָגטער פרייקייט. פון ווערדיקן תכלות אין אייגנקייט פונם לאַנד כנען וואָס גאָט האָט פאַרשניטן אַ בונט מיט די קינדער פון ישראל צו ארבן, ווי זיי האָבן געלערנט חומש אין חדר.

סענדער האָט זיך האָפּערדיק אָנגערופן:

— נו, גיכער, חברה, שרייבט אייך אונטער, גיט אָפּ די שטימען. אַבי ס׳קאָסט נישט קיין געלט. איאָ ר׳ אייזיק, האַ? אומזיסט ס׳בית המקדש מיטן ירדן... אַן אייגן לאַנד מיט אַ ווייַן גאָרטן, מיט פייגן בוימער, מיט באָקסער און טייטלען. אַ מחיה, אַ מציאה פון אַ גנב, כ׳לעבן, נ׳זאָל זיין מיט מזל און ברכה און אַ גוטן פיטשאַטיק.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שרייבפען, אַ טונק געטון דעם שפּיץ אויפן צונג און דער ערשטער זיך אונטערגעשריבן אויף אייזיקס פּאַפּירל, אַביסל לצנות׳דיק צעווערטלט, נאָר די געבויגענע נאָז געטרייטלט פון גדלות. די איבעריקע יונגען האָבן געטון דאָס זעלבע, איינער נאָכן אַנדערן, מיט אַן אונטערגעהויבענעם אַקסל און האַרטן שטערן. אויבעט זיין טאַטע מנחם, האָט מיט פייערלעכער געהויבנקייט און זייער באַדאַכטיק אונטערגעשריבן זיין נאָמען. אַפּילו ישראלעלי דער בעדער און דער רויטער הערש האָבן שוין אויכעט מיט גרויסע צעקרימטע אותיות, ווי קאַטשערעס און לאַפּעטעס, אונטערגעשריבן זייערע נעמען אויפן פּאַפּיר. חנא־איצי דער מלמד האָט געשאָקלט דעם גרייז גרויען קאָפּ מיט פאַרזאָרגטער וואָרנונג, וואָס האָט האַרב געשאָטנט פון זיין בלענדיק־ווייסער באָרד:

— איי וואַי קינדער, מ׳שפּילט זיך מיט קוויטלעך. מ׳דאַרף וויסן זיין, אַז ביז וואַנען יידן וועלן זיין אין גלות, וועלן אונז גויים שלאָגן און באַ׳גזלנען. ווער זאָל זיך אָננעמען אונזער קריוודע, אַז ס׳זיינען לויטער שונאי ישראל, אַז ס׳איז הפקר אַ וועלט. נאָר גאָט ברוך הוא קאָן העלפן.

שלום־בער האָט געמיינט, אַז חנא־איצי וויל זיך דאָ אַצינד באַקלאָגן פאַר לייטן, הלמאי מען האָט אים עפּעס געטון שלעכטס. האָט ער נענטער זיך צוגערוקט און זיך אָנגערופן מיט זיין טיפן טרויעריקן ניגון־קול:

— הערסטו חנא־איצי וואָס עכל דיר דערציילן, עד האָב תמיד געמיינט, אַז דו ביסט אַ גרויסער חכם, וואָרים דו קענסט דאָך לערנען תורה און ביזט זייער אַ פרומער מאַן. צום סוף ביסטו גאָר אַ שטיקל נאַר. זאָלסט מיר מוחל זיין. וואָס פרעגסטו עפּעס קשיות, האַ? הלמאי האָט מען מעך איינמאָל אין דער מלחמה באַגנבעט, דעם דאָך אָראָפּגעריסן פון דער שטוב, צעבראָכן מיין אַלטן וואָגן, דעם פלויט אויסגעריסן. וואָסזשע, עד בין ווייניקער יחסן פון דיר? ביי גאָט זענען נישטאָ קיין מיוחסים. כל ישראל זענען ביי זיין ליבן נאָמען גלייכע מחותנים. מסתמא, אַז ער טוט אַזוי, דאַרף אַזוי צו זיין. דו גייסט



אים אין הימל פרעגן קשיות? ער ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טון מיט זיין פאָלק ישראל. הערט איר מענטשן, פונם רבין ר׳ משה ליב, דעם הייליקן סאַסאָווער זכותות יגן עלינו, דערציילט מען גאָר אַ שיינע מעשה: אַן אָרענדאַר איז אַמאָל געקומען צום רבין מיט אַ גרויס געוויין: — סטייטש, רבי לעבן — האָט ער געקלאָגט — דער פּריץ הייסט זיך באַצאָלן הונדערט גילדענע רענדלעך אָן הוספה, אַנישט וואַרפט ער מעך אַרויס פון דער קרעטשמע. סטייטש רבי לעבן, ווו זאָל איך נעמען הונדערט גילדענע רענדלעך, אַז עך בין אַן אָרימאַן, אַ מטופּל מנט קינדער. קיין עין הרע. — שאַ — האָט געזאָגט דער רבי, בעריל זיי שטיל. פאָר בעסער אַהיים און זאָרג זעך נישט. גאָט וועט שוין העלפן, וועסט מצליח זיין. הכלל...

בעת שלום בער האָט דערציילט די שיינע מעשה, האָט זיך די דעמבענע טיר פון דער גמינע אַלע מאָל געטון אַן עפן, מיט אַ גריילעכן טראַסק און פרישע זעלנער מיט צוכעס׳טע רויטע פּנימער. די ביקסן אין די הענט, האָבן אַריינגעשטויסן נאָך געכאַפּטע יידן, לייזער מיטן זון שייקען, דעם שוואַרצן לייבע, דעם נגיד, זיינוויל פּויטיקע מיטן זינדל שימאָל, און מעכל דעם סטאָלער. די יידן זענען שוין געשטאַנען ענגער צונויפגעדרענגט אין ווינקל, אין אַ שוואַרצליכן הויפן. וואַרטנדיק אַליין נישט וויסנדיק אויף וואָס, די צעגנאָדערטע בערד, ברומלעך אונטערגעהויבן, גלייך זיי וואָלטן זיך גערעכט אויף עפּעס אַ ביטערן פּסק...

(פאָרטזעצונג אין נעכסטן נומער)



אַ גרופּע שרייבער מיט א. מ. פוקס

זיצנדיקע: משה ווילבורג, מלך ראַוויטש, בער האָראָוויטש, א. מ. פוקס

שטייענדיקע: משה גראָס, אַלעקסאַנדער כּאַשין, מלך כמעלניצקי

## משה עובר

# צוויי באַזאַר פילאָזאָפען

1

דער ספר־החיים פון מדקדוק׳דיקן האַר,
— האָט אַ פילאָזאָף אַרייַנגערעדט אין אַ פילאָזאָף
אין אַ אָריענטאַלן באַזאַר. —
מוז ביז דער לעצטער נול האַרמאָנירן,
ס׳מוזן באַלאַנסירן די חיים־והמות וואָגשאָלן,
צי מוז אָבער דער בן־אדם, דער אָפּגענאַרטער נאַר,
אַ כזיות פון זיין ברייטעלע לעבן,
פאַר אַלעם און אַלעס באַצאָלן?

וואַרפט ער אַ בליק אויף אַ חפץ מיט אַן אויג,
(צי דאָס חפץ טויג ניט, צי עס טויג)
מוז ער באותה הרגע אָוועקלייגן אַביסל צייט אויפן אָרט,
ווייל גאָט גיט ניט קיין קרעדיט
און גלויבט ניט אויפן וואָרט.

נעמט כדומה למשל, די מיטזומער זון!
ווען זי ווערט געבוירן
האָב איך זי אין דער לינקער פאה
און ווען זי גייט פאַרלוירן
גיי איך אסור ניט אויף דער לויה,
דאָך צומאָרגענס רייסט אַראָב דער האַר
אַ בלאַט פון מיין קאַלענדאַר
ווי אַ הויט, וואָס איז טויט!
און דעם לענגסטן, שענסטן טאָג פון אַ יאָר לעבן
מוז איך בעל כורחה אָפּגעבן.

און טאָמער מיינסטו וועסט זיך אַרויסדרייען,
דאָמיט וואָס דו וועסט צאָלן און זיך פרייען,
אַ נעכטיקער טאָג!
די זעלבע פרייז איז פאַר פרייד
ווי פאַר קלאָג.

און טאָמער קומסטו געבן אַ שיינע מצוה צו לייזן
נאָר ווילסט דערפאַר פריוועלעגירטע פרייזן,
איז מען גוזר מן השמים
זאָלסט צאָלן כיפל־כפלים.



אָדער נעמט מיין אָרימע גוזמא׳דיקע באָרד,
אַלע טשעפּן זיך מיט איר מיט צופלייסיק,
ווי עס וואָלט געווען זייער עסק,
און יעדעס מאָל איך טרייסט זי מיט אַ גלעט,
מוז איך מיט אַ שטיק לעבן באַצאָלן,
און די פרייז איז נעט!
מיט צען טויזנט צינגען
קען מען קיין איין רגע ניט אַראָפּדינגען.

וואָס דאַרף מען גיין וייט,
דאָ ניט לאַנג האָב איך אַ פאָר שיך פאַרמאָגט
און זיי געטראָגן געזונדערהייט,
אמת, זיי זיינען ניט געווען צו גרוים
נאָר איך האָב זיך ניט באַקלאָגט,
אָבער עס פאַרדריסט מיך עד־היום,
דאָס וואָס יעדער מאָל איך האָב זיי געפּוצט,
בלויז איינס צוויי, בלויז אַ שפּיי!
האָב איך געמוזט דעם טויט טרינק געלט געבן,
אַ מטבעה
פון מיין ביסעלע איבערגעבליבן לעבן.

איך קען אין קיין ספר ניט געפינען קיין תשובה,
אויף דער שאלה וואָס איך פרעג און פרעג:
צי איז די שחיטה כשר,
אויב מ׳שעכט מיט אַ זעג?
און איז ניט אַ שפּיץ פון אַ זעג
יעדער רגע פון יעדער מינוט?
און ווערט די שחיטה כשר,
באשר בכן ס׳גייט ניט קיין בלוט?

.2

אויף דאַרויף
האָט אים קורץ און שאַרף געענטפערט
דער צווייטער פיליזאָף:

האָסט טאַקע דערלייגט דיין באָבעס ירושה!
דו רעדסט פונקט ווי מיין אַלטע נאַרישע אישה!
דו טראָגסט איצט דער זונס מלבוש פון זילבערן פייער,
קענסטו מיר זאָגן וויפיל איז געווען דייןביישטייער?
און וויפיל גאָלדענע רענדלעך וואַרפסט דו אַריין

אין דעם לבנה־טעלער
צו מאכן די נאכט ליכטיקער און העלער ?

וויפיל ליכטיקייט האסטו אריינגעגאסן אין שפיגעל פון טייך ?
און וויפיל דופט — אריינגעאטעמט אין בשמים־רייך ?

דענק דיר נאר איבער מיין מזל׳דיקער פריינט,
דעם אוצר וואס דו זאמעלסט אן אין יעדן היינט.
פאר יעדער רגע קריגסטו דעם אין־סוף
פאר יעדן בליק דין ווי אן אונזעבארער פאדעם,
(ווייל וואס האט דען מער דער בן אדם ?)
קריגסטו א בלאען הימל פון פיינסטן שטאף
און דו באקלאגסט זיך נאך דארויף !

• • •

צו דעם אז דער בן־אדם מאכט נאך א גוטן פראפיט
אין זיין יעדער שטארבנדער מינוט,
האט זיך צוגעהארכט א באזאר קרעמערל,
און זיינע ליפן זיינען איבערלאפן
מיט א זיס זאפטיג זמר׳ל.

## יחזקאל נח ערליכמאן

## דעם בריסקער רב׳ס מנחה

דער גרויסער גאון ר׳ יאשע בער ז״ל פון בריסק, איז געווען זער נזהר צו דאוונען תפילת מנחה בציבור, און אויב ער איז ערגעץ געפארן האט ער שטענדיק אויסגערעכנט אז ווען ער זאל קומען אין די שטאט, זאל ער קאנען דאוונען מנחה בציבור.

נאר אמאל איז ער געפארן אין א ווינטער טאג און צוליב די גרויסע שנייען האט די באן פארשפעטיקט מיט א פאר שעה. ער האט איינגעזען אז ווען ער וועט קומען אין די שטאט וווהין ער פארט, וועט שוין זיין גוט נאכט, האט ער געבעטן די פאר יידן וואס זענען געווען אין זעלבן וואגאן, מען זאל זען צוזאמען צו שטעלן א מנין. זיי האבן זיך ארומגעזען אז זיי זענען נאר זיבן מענטשן, איז איינער געגאנגען אין א צווייטן וואגאן און אפילו אין א דריטן און האט געברענגט די נויטיקע דריי מענטשן. דער געערטער רב האט זיך אויפגעשטעלט צום דאוונען און אנגעהויבן צו זאגן „אשרי״.



נאר דא איז געשען א זאך וואס האט אלעמען זער שטארק איבעראשט: איינער וואס איז געזעסן פונקט קעגן איבער דעם רב, אזוי ווי ער האט געזען אז מען הויבט אן דאוונען, האט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין זיץ־פלאץ און איז ארויסגעלאפן פון וואגאן. אלע פארזאמעלטע זענען געווארן זער פארביטערט. דער חשובער רב האט געזען אז עס איז שוין צו שפעט, מען זאל גיין ווידער זוכן אן אנדערן, און באין ברירה, האבן זיי שוין געמוזט דאוונען מנחה ביחידות.

די חוצפה פון דעם פארשוין איז געווען אזוי גרויס, אז נאכן דאוונען קומט ער צוריק און זעצט זיך אויף דעם זעלבן זיץ־פלאץ, אקעגן דעם רבין, און שמייכלט זיך נאך צו, ווי איינער זאגט: „איך האב איך גוט אנגעטון״.

דער רב האט גארנישט געוואלט האבן צו טאן מיט אים. נאר האט זיך געווענדעט צו די אנדערע מענטשן און זאגט צו זיי: — נאך אלעם דארף איך אים אפשר צו געבן א „יישר כח״ פאר זיין „נאבעלע״ אויפפירונג, ווייל ער האט מיר פארענטפערט א קשיא וואס זינט איך בין געווען א קינד פון זיבן יאר האב איך נישט געהערט א ריכטיקן אנטווארט. די מעשה איז אזוי געווען:

אין חדר ביים חומש מלמד, האט א רייכער פארמער פון א וויטן דארף אריינגעבראכט זיינס א ייִנגל פון א יאר זיבן. ער איז געווען א קלוג און אנ־גענעם ייִנגל, נאר ווייל ער איז אויפגעבראכט געווארן אין א דארפישע סביבה, האט זיין ארט רעדן און מאניערן, טיילמאל ארויסגערופן געלעכטער. ער האט זיך אבער נישט באליידיקט, פארקערט, ער האט הארציק מיטגעלאכט.

אין א ווינטער טאג, פ׳ וישלח, ווען דער רבי האט מיט אונז געלערנט די פרשה ווי יעקב אבינו האט געשיקט צו עשו די מנחה (א מתנה) וואס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון א גרויסע צאל שעפסן, ציגן, אקסן, קעמלען, א.ז.וו. אלע צוזאמען זענען געווען 5 הונדערט מיט זעכציק שטיק, א קליינ־קייט!

שטעלט זיך דער קליינער ייִנגל אויף און זאגט: — רבי! מיין פאטער פארמאגט נישט אזוי פיל. ער האט קוים ביז 300 שטיקלעך, און דאך אז ער שיקט זיי ארויס אויפן פעלד שיקט ער מיט א גאנצע סטאדע הינט. זיי זאלן האלטן די בהמות אין ארדנונג, זיי זאלן זיך נישט צולויפן. און פאר וואס שטייט נישט אין פסוק אז יעקב האט צו דער מנחה אויך געשיקט הינט?

צווישן די קינדער איז געווארן א גרויס געלעכטער. איינער האט זיך אפילו אויסגעדריקט, אז עס איז א הינטישע קשיא. דער רבי האט עפעס גע־ענטפערט, אבער עס האט זיך קנאפ געקלעפט; און אזוי כמעט יעדעס יאר ווען איך קום צו די פרשה דערמאן איך מיך אין דעם עפיזאד.

נאר דער פארשוין האט געגעבן דעם ריכטיקן תירוץ. מיט זיין טאט האט ער באוויזן, אז ווען עס האלט ביי א מנחה, אנטלויפט א הונט.

אלע האבן זיך שטארק צולאכט, און דער מאן איז מיט גרויס חרפה און בושה ארויסגעלאפן אין א צווייטן וואגאן.

## א. נ. שטענצל

### רבי שמעון בן יוחאי

אַז לעצטער טראָט פון אונטער פוס איז צעשטערט,
פאַרגראָבט מען זיך אין אַ לאָך אונטער דער ערד,
און ווי פון אַ שיסל־וואָס איבערגעקערט,
אַלץ וואָס אין הימל מיטגענומען מיט זיך.

נישט פאַרלירן ס׳קען אַ בר כוכבא די שלאַכט,
ווי אין פיין אַ רבי עקיבא נישט פאַרשמאַכט,
פאַרשפרייט בלויז ס׳איז איבער דער וועלט אַזאַ נאַכט,
ביז אַ ליכטיקער אָנקומען מלך משיח.

און מיט זון און שטערן די אויגן צעבליצט,
רבי שמעון בן יוחאי אין זיין מערה זיצט,
נישט דעם גורל פון מענטש אַרויסליינט ער איצט,
אַ נייע וועלט שטעלט ער צוזאַמען דערפון.

אַלע גלגלים אויף האַנט זיינער ער האָט,
און איינער אין צווייטן ווי אַ רעדל אין ראָד,
דער מילך־וועג — דער דרך המלך צו גאָט,
ווי די נקודה פון אין־סוף ס׳איז די זון.

אַז דער לעצטער העלד פון אַ פאָלק איז צעשטערט,
איז פונם בלאָסק פון זיין צעבראָכענער שווערט
„יהי אור״! און אין פינסטערניש ליכטיק ווערט,
אַ באַנייטע וועלט גייט אויף פונם כאָאָס.

פאַר רבי עקיבא די „ד״ פון אחד,
מיט די ארבע מיתות זיך געעפנט האָט,
וועט ער פון זיין גוף מיט געשליפענעם דלאָט,
אויסהאַקן אַן איינציק וווּנדערלעך אות.

אַזוינס־אַ וואָס פלאַטערט אין הימל אַרויף,
אַ פייערדיקער אַדלער אינם אין־סוף,
אַן אות וואָס עפנט זיך ווי אַ קבר אויף,
טיף און אין־סופיק און אייביק ווי דער טויט —
— — — — — — — —



ווען דאָס לעצטע וואָרט פון אַ פאָלק ווערט צעשטערט,
פון שרעק, חלילה, אַז פאַרשניטן עס ווערט,
אַ בת־קול פון עק וועלט ביז עק מען הערט,
מיט טיפסטן סוד פון דור צו דור אָנפאַרטרויט.

### האָסט אונז געלערנט רבי שמעון בן יוחאי

האָסט אונז געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי,
אין אייגענעם גוף אין אַ מערה צו זיין;
אַלץ טיפער און טיפער נידערן אין זיך,
ביז צו די שערי שמים צו דערגיין.

אין איינגעהאַלטן פאַרשוויגענעם געוויין,
פלאַטערן די ווערטער ווי מלאכים אויף,
לערנענדיק דעם מענטש דאָס טיפסטע פאַרשטיין.

האָסט אונז געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי,
מיט די נעגל און מיט פאַרבייס פון די ציין,
ווי אויף פינסטערער הייל־וואַנט דער אור־מענטש
אין אייגענעם גוף צו קריצן די פיין — —

און אַז אַרויס ערשט אויף דער ליכטיקער שיין,
פון דעם חשכותדיקן היילן לאַבערינט,
עס דערגייט דער מענטש מיט זיין טויט נאָר אַליין.

האָסט אונז געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי,
אַז נאָר יענע ווערטער זיינען וואָר און ריין,
ווען ווי צוואות, ווי ווידוים זיי ווערן,
און צוזאַם מיט זיי שעפּטשענדיק אויסצוגיין —

מיטנעמענדיק קוים ס׳ווידער־קול פון אמן — — —
אַז נאָר יענע ווערטער לעבעדיק בלייבן,
ווען לעבנס זיי אָטעמען אין זיך אַריין.

ר׳האָט אונז געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי:
צעקריצטע מצבה ס׳איז יעדעס געשטיין,
דערשריבענער פה נטמן יעדעס קריצל,
אַרויסצולייענען פון די יודע־חן — —

תא חזי, קום און זע און לייען עס אליין:
יעטוועדער צערוישטער צעבלעטערטער בוים —
א מענה־לשון צעיללהטער געוויין.

און נאך טיפער קוק און פארשטיי, תא חזי:
ס'איז דער ערד קיילעך א מגילה פון שטיין!
און פארוויקלטער אלץ און דיקער זי ווערט,
מיט פארשריבענעם הערגליפן געביין — —

עס איז יעדער מענטש אן אות פון דעם געליין!
און הימל מיט די צעפינטלטע שטערן,
איבער די אותיות דאס תגין געקריין.

האסט גאט געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי,
אז ווען הימל און ערד דאס חשכות הילט איין,
און צו חצות־זאגן זיי עפענען זיך אויף,
נישט אויסברעכן ער זאל אין פינסטער געוויין.

ווארים ווער קאן דען פארשטיין דעם טונקלען מיין,
נאך וואס דאס געמיטשע פון וועלט און פון מענטש,
און פון אים כביכול, פון גאט אליין.

תא חזי: ס'איז גלגל־עולם — גולגתא,
א ראד אזא, וואס הערט זיך נישט אויף צו דריי'ן,
און דער גאנצער ארום, רעדל אין רעדל —
שיידל אין שיידל מיט פארביסענע ציין.

און הייליק און פיין זיין, און בייז און געמיין —
דורך שווינדלדיקע סקעלעטן שפריכעס,
פאלנדיקע שאטנס און שטויבעלעך שיין.

האסט אונז געלערנט, רבי שמעון בן יוחאי,
דאס געזאנג פון די גלגלים צו פארשטיין:
אין זיך אליין, ווי אין א מערה, זיצט גאט,
צו דערהערן דעם קלאנג פון טרוקן געביין;

ס'וועט גאנצער ארום אויף איינמאל בלייבן שטיין,
פון פארכאפטן אטעם, שטיל געווארענעם,
ווען גאט אליין צומאל וועט אים משיג זיין —
— — — — — — — — — — —



## לעא קעניג

# איבערזעצטע רעדעס...

פראגמענט

עס קאן זיין אז דאס לעצטע פערטל יארהונדערט — די תקופה פון קאטאסטראפאלן חורבן און אתחלתא דגאולה — וועט אויך באצייכנט ווערן אין דער געשיכטע פונם יידישן ליטערארישן שאפן אלס די תקופה פון שפראך־עמאנסיפאציע און איבערזעצונגען. צוליב דער גאנצער און האלבער שפראכלעכער אסימילאציע האבן א סך פון אונדזערע נאציאנאלע שרייבער, וועלכע האבן ביז לעצטן געשריבן אין זייערע יידישע שפראכן און לויט זייערע כחות מיטגעהאלפן ווייטער בויען אונדזערע נאציאנאלע ליטעראטורן, אנגעהויבן אלץ מער און מער שטרעבן איבערזעצט צו ווערן אין די „פרעמדע שפראכן“ אין וועלכע גרויסע שיכטן פונם אמאליקן מזרח־אייראפייאישן יידנטום האבן זיך ווי עס איז איינגעבירגערט.

ביי אלע פעלקער זוכן שרייבער איבערזעצט צו ווערן. דאס איז א געזונטע און נאטירלעכע שריפטשטעלערישע אמביציע: און די מענטשהייט וואלט אן אנ'ערך גייסטיק ארימער געווען און שעפעריש סטאגנירט, ווען ניט דער געזונטער און נאטירלעכער פראצעס פון אידייען אויסטוישונגען, ד.ה. פון איבערזעצונגען, דורך וועלכע פעלקער און זייערע שעפערישע פארטרעטער לערנען איינער פונם צווייטן.

אבער ניט פון דעם געזונטן און נאטירלעכן פראצעס פון איבערזעצונגען קלערן מיר ווען מיר רעדן איצט פונם דראנג איבערזעצט צו ווערן ביי אונדזערע הייַנטיקע נאציאנאלע שרייבער: ווען א ענגלישער אדער פראנצויזישער שרייבער אדער געלערנטער זוכט איבערזעצט צו ווערן טוט ער עס הויפטזאכלעך דערפאר ווייל ער זוכט פרעמדע לעזער; ווייל ער וויל באקאנען אנדערע פעלקער מיט זיינע שאפונגען און אידייען; אונדזערע הייַנטיקער ייד־ישער צי העברייאישער שרייבער זוכט איבערזעצט צו ווערן, הויפטזאכלעך דערפאר וויל ער זוכט זיינע אייגענע יידישע לעזער. ער שרייבט פונם יידישן לעבן, וועגן יידישע פראבלעמען און אין נאציאנאל־יידישע שפראכן, און פלוצלינג כאפט ער זיך אז גרויסע יידישע מאסן פאר וועלכע ער האט געשריבן און וועלכע דארפן זיך מיינסטן אינטערעסירן מיט די יידישע פראבלעמען לייענען שוין אין פרעמדע שפראכן, אדער האבן שוין אויפגעהערט צו לייענען אין זייערע אייגענע שפראכן.

זוכט דער יידישער צו העבראישער שרייבער איבערזעצט צו ווערן אין פרעמדע אייראפייאישע שפראכן ניט אזוי צו געפינען רום און אנערקענונג צווישן פרעמדע פעלקער — הגם דאס אויך.. — נאר, הויפטזאכלעך, ווייל ער זוכט די אייגענע, די יידישע לעזער זיינע.

אבער ניט וועגן אונדזערע ליטערארישע איבערזעצונגען וויל איך איצינד רעדן, ניט פון די איבערזעצונגען פונם געשריבענעם ווארט (הגם דאס איז א

זייער וויכטיקער ענין אויף וועלכן מען האָט זיך ביי אונדז זייער ווייניק אָפּגעשטעלט), נאָר פון די איבערזעצונגען פונם גערעדטן וואָרט וואָס מיר הערן אַזוי אָפט אויף אונדזערע אסיפות, מיטינגן, דעמאָנסטראַציעס און אין אונדזער טאָג טעגלעכן לעבן, בכלל.

ניט רעדנדיק שוין דערפון וואָס עלטערן זיינען געצווונגען איבערזעצן זייערע „רעדעס" פאַר זייערע קינדער, און אָפטמאָל זיינען עס קינדער אויך געצווונגען צו טון, ווייל זייערע עלטערן זיינען נאָך ניט געוואָרן קיין „גוטע איבערזעצער", אַזוי צו זאָגן, נאָר אונדזער גאַנץ יידיש און נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעך לעבן איז שוין לאַנג שפּראַכלעך ניט־אָריגינעל נאָר איבערזעצט.

דער רעווערענד אין שול האַלט אַ „איבערזעצטע" דרשה. ד.ה. ער רעדט שוין, נאָמיר זאָגן, אַ גאַנץ גוטן און פיינעם ענגליש; אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע פרעמדע שפּראַך פון זיין קאָנגרעגאַציע, און אין די מייסטע פאַלן האָט דער רב צי דער רעווערענד די דרשה, דעם „סערמאָן" גלייך אָנגעשריבן אין ענגליש. אָבער דאָך קענט איר זיך ניט העלפן און האָט דעם איינדרוק, אַז איר הערט אַ איבערזעצטע דרשה. און אַפילו ווען דער געערטער רעווערענד וועט אייך זאָגן אַז ס'איז אים שווער שוין צו רעדן אין יידיש און אַז צו העברייאיש האָט ער זיך נאָך ניט צוגעווינט, איז זיין דרשה דאָך אַ איבערזעצטע... דעם אייגענעם איינדרוק האָט איר אויך, אגב, פונם רוב הונדערטער און טויזנטער, קען מען זאָגן, ענגלישע און בכלל פרעמדשפּראַכיקע יידישע וואָכן־בלעטער; דער רוב מאמרים, „סטאָריס" א.אַז.וו. זיינען דירעקטע און אומדירעקטע, ביודעים ובלא יודעים, איבערזעצונגען...

געבוירענע ענגלישע, פראַנצויזישע צי אַמעריקאַנער יידן, וואָס די שפּראַכן זיינען זייערע געבורט־שפּראַכן, שרייבן צוליב פאַרשידענע סיבות ניט אין אָט די ספּעציפיש־יידישע פרעמד־שפּראַכיקע אויסגאַבן. דער רוב רעדאַקטערע און מיטאַרבעטער פון די אויסגאַבן האָבן זיך אויסגעלערנט, „גוט אויסגעלערנט" די שפּראַכן, אָבער אפשר דאָך ניט גענוג גוט צו פילן אַז זיי איבערזעצן זיך.

---

היינט נעמט אונדזער נאַציאָנאַלע פּלאַטפאָרמעס:

אויף יעדער גרויסער אסיפה אָדער מיטינג הערט איר ס'רוב איבערזעצטע רעדעס און דרשות; איר הערט ניט קיין דירעקטע רעדעס, קיין שפּראַכלעך־אָריגינעלע רעדעס. נאָר איבערזעצונגען, געלונגענערע אָדער שוואַכערע איבערזעצונגען פון די רעדעס וואָס די מחברים־מטיפים מאַכן אַליין...

גיט אַ קוק אויף דער פּלאַטפאָרמע פון אַ דורכשניטלעכן גרויסן יידישן מיטינג דאָ ביי אונדז אין ענגלאַנד, צי אין אַמעריקע אָדער פראַנקרייך און איר זעט דאָרט זיצן אַ פאַר צענדליק קיין עין הרע, בכבודיקע און באַרימטע „איבערזעצער".

זיי מעגן האָבן פאַרשידענע אַנשויאונגען וועגן דער „שפּראַכן פראַגע", זיי מעגן זיין פּרינציפּיעל פאַר אָדער געגן וועלכער ס'איז יידישער שפּראַך,



אָבער ווי אַ סך היינטיקע יידישע שרייבער וואָס מוזן זוכן די אייגענע יידישע לעזער אין פרעמדע שפּראַכן אַזוי, און נאָך מער, מוזן אונדזערע אָראַטאָרס און טריבונען זוכן יידישע אויערן און צוהערער אין פרעמדע שפּראַכן.

אונדזערע גרעסערע און קלענערע נאַציאָנאַלע און פאָלקס פאַרזאַמלונגען — אין חוץ לארץ — זיינען שוין סרוב שפּראַכלעך ניט אָריגינעל נאָר איבערזעצונגען. די אידייען און געפילן וואָס ווערן אויף אונדזערע פּלאַטפאָרמעס אַרויסגערעדט זיינען שוין איבערגעטראָגענע, מיט אַ פאַר אויסנאַמען פעלט ביי אונדזערע מאָדערנע, נאַציאָנאַלע אָראַטאָרס און פּאָליטיקער אָט די ספּאָנטאַנישקייט, אָט די עכטקייט פון געפיל און דער הומאָר וועלכע קומען ממילא, ווען מען רעדט אין אַ אייגענער שפּראַך, אין אַ מאַמע־לשון.

מיר זיינען שוין אַזוי צוגעווינט צו אונדזערע פיל און פרעמד שפּראַכיקע יידישע פאָלקס אסיפות, מיר זיינען שוין אַזוי געווינט אַז יעדער יידישער כלל טוער און נאַציאָנאַלער פּאָליטיקער (פון אַלע פּאַרטייען) זאָל רעדן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, אַז ס'זעט שוין אויס כמעט ווי נאָרמאַל. אָבער ס'איז גענוג איינער צו אַ פאַר פון די חסידי אומות העולם זאָלן אויך רעדן אויף די אסיפות מיר זאָלן גלייך באַמערקן און דערקענען אַז אַלע אונדזערע רעדנער האָבן גערעדט איבערזעצטע רייד...

בעסער אָדער ערגער אָבער דאָך איבערזעצטע דרשות.

און ווי ס'איז דער פאַל מיט איבערזעצונגען בכלל גייען מיר אַוועק מיטן געפיל אַז די גוטע רעדעס און אונדזערע באַרימטע מאָדערנע רעדנער וואָלטן געווען אסך בעסער, ווען זיי וואָלטן געהאַלטן געוואָרן אין די אָריגינעלע שפּראַכן, און די שלעכטע רעדעס וואָלטן ניט געווען אַזוי שלעכט.

ס'איז אָנגענומען אַז מיר יידן זיינען אַ „עם הספר"; אפשר וואָלט נאָך ריכטיקער געווען צו זאָגן אַז מיר זינען אַ „פאָלק פון וואָרט". אונדזער תורה שבכתב איז פריער געווען אַ תורה שבל פה. משה האָט גערעדט, די נביאים האָבן גערעדט, דערנאָך זיינען זייערע געטלעכע רייד פאַרשריבן געוואָרן, אויסגעקריצט געוואָרן.

אָבער ווי ס'זאָל ניט זיין, פאַרנאַכלעסיקן מיר היינטיקע יידן דאָס גערעדטע וואָרט נאָך מער ווי דאָס געשריבענע וואָרט. און אפשר ניט נאָר דערפאַר ווייל מיר האָבן וויכטיקערע דאגות און פּראָבלעמען.

מיר האָבן געהאַט אויך אין דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט באַרימטע מגידים און מטיפים. האָבן מיר אויפגעהיט און געקליבן זייערע דרשות? האָבן מיר אפילו אַ מאָדערנע אויסגאַבע פונם דובנער מגידס משלים?

איך בין בטבע ניט קיין ליבהאָבער פון רעטאָריק און פון אָראַטאָרס; איך האַלט מער פונם געשריבענעם, מער מיושבדיקן און דורכגעטראַכטן וואָרט. אָבער ווער פון אונדז פלעגט ניט גיין הערן מיט גרויס פאַרגעניגן די רעדעס פון אונדזערע מאָדערנע באַרימטע רעדנער ווי סאָקאָלאָוו, שמריהו לעווין, זשאַבאָטינסקי, און די פּראַכטפולע, ניכטערע, ליטוויש־יידישע רעדעס פון דר. ווייצמאַן.

האָבן מיר זייערע רעדעס געזאַמלט?

און צוליב דער אויבן דערמאָנטער גאַנצער און האַלבער שפּראַכליכער אַסימילאַציע אונדזערער האָבן אויך די ערשט דערמאָנטע און אַנדערע באַרימטע רעדנער אונדזערע געמוזט אַלץ אָפטער און אָפטער „איבערזעצן" זייערע רעדעס אין ניט יידישע שפּראַכן... ס'איז ניט די פֿראַגע פֿון אַקצענט, נאָר טאַקע פֿון איבערזעצן: פֿון זאָגן וואָס איר קלערט, טראַכט און פֿילט ניט אין דער שפּראַך אין וועלכער די געדאַנקען און געפֿילן זיינען געבוירן געוואָרן. גוטע איבערזעצונגען, פּראַכטפֿולע איבערזעצונגען און נויטיקע ביידע וועלטן — די יידישע און ניט יידישע — זאָלן זיי דערהערן, אָבער —

עס דערמאָנט זיך: אחד העם, ווי ס'איז באַוווּסט, פֿלעגט שרייבן נאָר אין העברעיִש און רעדן פֿאַר אַן־עולם נאָר אין רוסיש. האָט ער איינמאָל אין תּל אביב געמאַכט אַן־אויסנאַם און געלייענט אַ רעפֿעראַט אין העברעיִש. ווען ער האָט געענדיקט האָבן זיינע מקורבים אים געדאַנקט און באַגריסט:

„וואָס ושע זאָגט איר, אַז איר קענט ניט רעדן אין העברעיִש. איר האָט דאָך געהאַלטן אַ פּראַכטפֿולע רעדע"...

יאָ, ווען איר ווייסט אָבער וואָס איך האָב ניט געקענט זאָגן אין דער שפּראַך" — האָט זיי אחד העם געענטפֿערט.

## אהרן ר. ראַלין

# די געשיכטע פֿון מזרח לאָנדאָן אויסשטעלונג אין דער ווייטשעפּל קונסט גאַלעריי

אויף דער אויסשטעלונג וואָס איז געעפֿנט געוואָרן דעם 26־טן אַפּריל אונטערן פּאַרזיץ פֿון יידישן לאָרד בערסטעד זענען געווען פּאָרטראַטן די מייאָרס (בירגערמייסטער) פֿון סטעפּני, האַקני, שאָרדיטש, פּאָפּלער און בעטנאַל גרין — די פֿינף באָראָס (געגנטן) וועלכע פֿאָרמירן דעם „איסט־ענד" פֿון לאָנדאָן. די ביבליאָטעקן און מוזייומס פֿון די פֿינף איסט־ענד מוניציפּאַליטעטן האָבן בייגעשטייערט די גרעסטע טייל פֿון די בילדער, צייכנונגען, ביכער, דאָקומענטן און אַנדערע ווערטפֿולע זאַכן וועלכע מאַכן די אויסשטעלונג אַ גרויסן בייטראַג צו דער געשיכטע פֿון מזרח לאָנדאָן פֿון דער רוימישער פּעריאָדע ביז איצטער. פֿאַר די לעצטע איניקע הונדערט יאָר האָבן אין איסט לאָנדאָן געפֿונען אַ פֿרייע היים צענדליקער טויזנדער מענטשן וועלכע זענען אַוועק פֿון זייערע היימען דורך עקאָנאָמישע אורזאַכן אָדער דורך רעליגיעזע און פּאָליטישע פֿאַרפֿאָלגונגען און איבערגעלאָזן זייער צייכן אויף דער היגער געשיכטע. איר האָט אויף דער אויסשטעלונג בילדער פֿון אימפּאָזאַנטע דעניִשע און שוועדישע קירכן אין וועל קלאָז סקווער און פּרינסעס סקווער, סטעפּני



וועלכע זענען געבויט געוואָרן אין 1700. אין ספּיטאַלפֿיעלדס האָבן שוין אין 17־טן יאָרהונדערט געוווינט אַ סך פֿלעמישע וועבער וועלכע האָבן אָנגעבראַכט די וועבעריי קונסט אין ענגלאַנד.

נאָך די לעצטע און ערגסטע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די הוגענאָטן אין פֿראַנקרייך אין 1685 זענען טויזנטער אַנטלאָפֿן פֿון דאָרט און באַזעצט זיך אין ספּיטאַלפֿיעלד און בעטנאַל גרין ענטוויקלענדיק אַ גרויסע אינדו[illegible] האַנט וועבעריי און זיידנס. אויף דער אויסשטעלונג האָט איר אַ סך מוסטערן פֿון זייער אַרבעט וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פֿון לעצטן יאָרהונדערט.

דעם גרעסטן איינפֿלוס אָבער אויף דער איסט ענד האָט געהאַט די יידישע איינוואַנדערונג, ספּעציעל די מאַסן אימיגראַציע פֿון מזרח אייראָפּע אין די 80־קער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. פֿאַר דער צייט האָט זיך די צאָל פֿון יידן אין לאָנדאָן פֿאַרמערט פֿון אומגעפֿער 50.000 אויף 150.000 און ס'האָבן זיך געשאַפֿן ספּעציפֿיש יידישע טיילן ווי ווייטשעפּל, מייל ענד, ספּיטאַלפֿילדס, א.ד.ג. די יידן האָבן דאָ אויפֿגעבויט נייע אינדוסטריעס און אַ ניי יידישע לעבן מיט שולן, חברות, טרייד־יוניאָנס, צייטונגען, קלובן און אינסטיטוציעס. אַ סך פֿון דעם אַלעם ווערט דאָ געוויזן אויף דער אויסשטעלונג. די געשיכטע פֿון די יידן אין דער איסט־ענד איז דאָ אין פֿאַרגלייך אויסגעוויינלעך גוט פֿאַרטראָטן ווייל פֿון די 379 זאַכן (עקספּאָנאַטן) פֿאַרצייכנט אין קאַטאַלאָג פֿון דער אויסשטעלונג זענען 77 אָדער איבער אַ פֿינפֿטל ספּעציפֿיש יידישע. דאָס איז צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿלייס און איבערגעבנהייט צו זיין אַרבעט פֿון האַלאַם טעניסאָן — אַ העכסט סימפּאַטישער יינגער פֿאָרשער — וועמענס פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געווען צו שאַפֿן די יידישע קאָלעקציע. מיט דער הילף פֿון ווילפֿרעד סאַמועל פֿון יידישן מוזעאום און אַנדערע פֿריינט פֿון יידישע געשיכטע האָט ער צונויפֿגעזאַמלט פֿאַרשידענע בילדער, דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פֿון יידישע היסטאָרישע, געזעלשאַפֿטלעכע און קונסט אינסטיטוציעס און פֿון פּריוואַטע יחידים. אום צו פֿאַרפֿולקאָמען די געשיכטע פֿון די יידן אין איסט ענד ספּעציעל פֿאַר די לעצטע 60־70 יאָר, האָט מר. טעניסאָן אַרומגעזוכט זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַרבעט אין סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מען האָט אים רעקאָמענדירט צו זען זיך מיטן שרייבער פֿון די שורות. און ווען כ'האָב אים געוויזן מיין אַרכיוו האָט ער זיך פּשוט דערפֿרייט ווי מיט אַ גרויס געווינס. ער האָט גענומען 12 דאָקומענטן (וועגן סוועטינג סיסטעם, וועגן גרויסן שניידער סטרייק אין 1889, דעם ערשטן יאָרגאַנג „אַרבעטער פֿריינד" א.א.) וועלכע פֿאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ און ציִען אַ סך אויפֿמערקזאַמקייט אין דער אויסשטעלונג.

מר. טעניסאָן האָט מיט דעם אויסגעמיטן דעם גרויסן פֿעלער וואָס כ'האָב אויסצוזעצן קעגן דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג. ווי באַקאַנט איז אין דער איסט ענד געבוירן געוואָרן דער אַווי גערופֿענער „נייער טרייד יוניאָניזם". דאָ איז געווען דער ערשטער גרויסער סטרייק פֿון פֿרויען אַרבעטער אין אַ שוועבעל פֿאַבריק אין 1888 אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון ענני בעזאַנט

מיט דער הילף פון בערנארד שאו און אנדערע פּיאָנערן סאָציאַליסטן. דאָ איז געווען דער גרויסער דאָק סטרייק אין 1889 אונטער דער פירערשאַפט פון דזשאָן בערנס. בען טילעט און טאָם מאַן מיט גרויסע מיטינגען און פּראָצעסיעס. וועגן דעם אַלעס און ענליכע פּאַסירונגען געפינט מען גאַרנישט אויף דער אויסשטעלונג. עס איז ספּעציעל פאַרדראָסלעך ווייל די פינף מוניציפּאַליטעטן פון דער איסט ענד זענען קאָנטראָלירט פון דער אַרבעטער פּאַרטיי. לאָמיר האָפן אַז זיי וועלן פאַריכטן דעם פעלד אין דער צוקונפט.

אַ גוטן בייטראַג צו דער יידישער סעקציע האָט געמאַכט פריינד פּאַמעראַנץ מיט איניקע בילדער, אַלטע בראָשורן און טעאַטער אַפישן אין יידיש. אַ היבשע צאָל בילדער, קאַריקאַטורן און דאָקומענטן זענען געקומען פון די פּריוואַטע אַרכיוון פון אַלפרעד רובענס, ווילפרעד סעמועל, א. האויט, משה עובד, און אַנדערע. די אַרטיסטן פּערל בינדער און מ. סאַבאַטשעווסקי האָבן אַנטליען אינטערעסאַנטע אייגענע אַרבעטן. דער לעצטער אַן אויל בילד פון העסל סטריט מאַרקעט. די אויסשטעלונג איז ניט צוטיילט אין באַזונדערע סעקציעס נאָר אין כראָנאָלאָגישן אָרדנונג אין יאָרהונדערט פּעריאָדן, און יידישע עקספּאָנאַטן הענגען אָדער ליגן זייט ביי זייט מיט אַנדערע פון זעלבן יאָרהונדערט. עס איז דערפאַר נויטיג און וויכטיג צו שטודירן די אויסשטעלונג אַלס גאַנצע, ווייל אַלע, די ענגלענדער, די הוגענאָטן, די יידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן וואָס האָבן דאָ איינגעוואַנדערט האָבן מיט זייער אייגנאַרטיגן לעבן און שאַפן געמאַכט דעם איסט ענד אַ העכסט אינטערעסאַנטן און קאָלירפולן טייל פון לאָנדאָן. עס איז ליידער אוממעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל צו באַהאַנדלען גענוי די אויסשטעלונג. איך קען דאָ בלויז געבן אַ קורצן איבערבליק איבער די וויכטיגסטע זאַכן. צו ערשט האָט איר אַ בילד וואָס ציגט אַ רוימישן סאָלדאַט אין לאָנדאָנער פּאַרט אויף דער טעמזע אין דריטן און פערטן יאָרהונדערט ווען די רוימער האָבן באַהערשט די לאַנד. אין אַ קאַסטן אונטער גלאָז זעט איר פאַרשידענע געווער און אַנדערע זאַכן פון דער רוימישער פּעריאָדע ביזן 17־טן יאָרהונדערט.

„די טאַוער אָף לאָנדאָן" דער לאָנדאָנער טורעם אָדער פעסטונג וואָס איז אַזוי טראַגיש באַרימט אין דער ענגלישער געשיכטע איז פאַרטראָטן מיט איניקע בילדער פון עלפטן יאָרהונדערט ביז דער לעצטער צייט. פּעטיקאָט ליין איז אומעטום באַרימט אַלס דער גרעסטער און עלטסטער אָפענער זונטיק מאַרק. דער נאָמען פון דער גאַס וואָס ציט זיך פון בישאָפּסגייט ביז אַלדגייט הייסט שוין אָפיציעל זינט 1830 מידלסעקס סטריט. אָבער פאַר די טויזנטער קונדן און גלאַט נייגעריקע וואָס קומען דאָרט יעדן זונטיק פרי איז און וועט בלייבן דער נאָמען פּעטיקאָט ליין. איר האָט דאָ אַ בילד פון די ליין געמאָלן אין 1870 און אַ שפּעטערע בילד געמאָלן פון אַ וואַלמאַרק אַלס איליוסטראַציע פאַר ישראל זאַנגווילס בוך „די קינדער פון געטאָ". ווייטשעפּל — באַקאַנט איבעראַל אַלס דער יידישער געגנט פון לאָנדאָן האָט געקראָגן דעם נאָמען פונם גרויסן קלויסטער אין ווייטשעפּל רויד וואָס איז כמעט צושטערט געוואָרן



אין דער לעצטער מלחמה. אָריגינעל איז דער קלויסטער געבויט געוואָרן אין 13־טן יאָרהונדערט מיטן נאָמען „סעינט מערי". עס האָט געהאַט אַ ווייסן טורעם וועלכן מען האָט פּרעזערווירט ווען מען האָט עס איבערגעבויט אין 1669 און שפּעטער אין 1874. דורך דעם איז דער קלויסטער באַקאַנט געוואָרן שוין אין די אַלטע צייטן אַלס דער ווייסער קלויסטער (ווהייט טשעפּל) און ס'האָט געגעבן דעם נאָמען צום גאַנצן געגנט. אויף דער אויסשטעלונג האָט איר בילדער פון ווייטשעפּל קלויסטער אין פאַרשיידענע צייטן. ניט ווייט פון דעם קלויסטער שטייט דער לאָנדאָן האָספּיטאַל איינער פון די עלטסטע און גרעסטע האָספּיטעלער אין לאַנד געבויט אין 1740. אַ בילד פון יענער צייט ווייזט ווי דער האָספּיטאַל איז אַרומגערינגלט מיט פרייע ניט פאַרבויטע לאַנד און אין הינטערגרונט זען זיך די שפּיצן פון די זעגל שיפן אויף דער טעמזע. דער לאָנדאָן האָספּיטאַל האָט צוגעשטעלט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן פאַר דער אויסשטעלונג ווי אַלטע און מאָדערנע כירורגישע אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן. איינער אַזאַ איז אַן אַלטער אָפּעראַציע טיש פון 1791 ווען מען פלעגט דעם קראַנקן צובינדן און צו האַלטן דורך דער אָפּעראַציע.

פון די עלטסטע יידישע דאָקומענטן איז אַ פאָטאָגראַפיע פון דער בעטישן (ביטע) פון מנשה בן ישראל צו אָליווער קראָמוועל אין 1656 אַז מען זאָל ווידער אַריינלאָזן יידן אין ענגלאַנד (זינט דעם גירוש פון 1290 האָבן דאָ יידן ניט געטאָרט אַריינקומען) מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך שוין געגרינדעט די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע שול (ספרדים) אין קריטשערטש ליין און אַ בית עלמין אין 253 מייל ענד רויד. די שול איז שפּעטער אין1701 אַריבער אין בעווייס מאַרקס און עקזיסטירט ביז היינה צוטאָג. די שול האָט געגעבן צו דער אויסשטעלונג איניקע וויכטיקע בילדער און דאָקומענטן. די ערשטע שול פון די אשכנזים אין לאָנדאָן איז געבויט געוואָרן אין 1692 און שפּעטער אין 1722 איבערגעבויט אין דיוקס פּלייס. אין 1696 איז געקויפט געוואָרן דער בית עלמין פאַר אשכנזער יידן אין אַלדערני רויד. מיר זען דאָ דעם אָריגינעלן קאָנטראַקט וועגן דעם. אונטערגעשריבן פון בנימין לעווי. דער רייבסטער ייד צווישן די אשכנזים אין לאָנדאָן אין יענער צייט. איר זעט דאָ אויך בילדער פון אַנדערע, שפּעטערע שולן ווי חברה ש"ס און מחזיקי הדת (דעם בנין האָבן די הוגענאָטן געשטעלט אַלס קירך אין 1743. די מעטאָדיסטן האָבן עס איבערגענומען אין 1819 און פאַרקויפט צו די יידן אין 1897.

די יידישע „פריי סקול" איז דאָ אויך פאַרטראָטן מיט עקספּאָנאַטן. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1817 און געוואָרן די גרעסטע עלעמענטאַר שולע אין לאַנד מיט 3.500 קינדער. פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די „פרי סקול" פאַרמאַכט. אינטערעסאַנט זענען אויך די בילדער פון די באַרימטע יידישע פרייז פייטערס (באָקסערס) דניאל מענדאָזאַ, סעמועל עליאַש און אייזיק ביטאַן. זיי זענען געווען זער פּאָפּולער צווישן די ענגלישע מאַסן אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט. עס זענען נאָך דאָ אַ סך וויכטיגע זאַכן אויף דער אויסשטעלונג. נאָר ליידער פעלן פּאָרטרעטן און דאָקומענטן פון באַרימטע מענער ווי סער

דייוויד סאלאמאנס און אנדערע וואס האבן שטארק געקעמפט פאר גלייכע פאליטישע רעכט פאר יידן און עס געוואונען אין 1858.

פאר די לעצטע 30־40 יאר האט זיך פון יידישן שטאנדפונקט דער כאראקטער פון דער איסט ענד און די סטרוקטור פון יידישן לעבן אין לאנדאן און אין גאנצן לאנד גענומען בייטן. אין 17־טן און 18־טן יארהונדערט זענען די אנפירער געווען די ספרדים. אין 19־טן יארהונדערט די דייטשע יידן, און אין איצטיקן יארהונדערט גייט די פירערשאפט אריבער צו די מזרח אייראפעאישע יידן. גאר א סך פון די ארעמע יידישע אימיגראנטן פאר די לעצטע 50־60 יאר און זייערע קינדער זענען געווארן רייכע פאבריקאנטן, סוחרים אדער אריין אין די אינטעליגענטע פראפעסיעס. זיי זענען ארויס פון דער איסט ענד און געשאפן נייע יידישע פארמעגליכע געגנטן ווי קריקלוואוד, גאלדערס־גרין, הענדאן א. ד. ג. עס איז דערפאר נאך מער נויטיק צו זען די אויסשטעלונג וואו איר זעט די ליידן פון אמאל ווי מיט 60 יאר צוריק איז געווען א גרויסער שניידער סטרייק פאר א 12 שעה׳דיקן ארבעטס טאג וואס האט אנגעהאלטן לאנגע וואכן און די ארבעטער האבן באקומען שפייז קופאנען אין דער ווערדע פון א זעקס פענס און א שילינג. לאמיר אויך דערמאנען מיט אכטונג די נעמען פון וויליאם וועס, לואיס לייאנס און אנדערע פיאנערן וואס האבן געהאלפן אויסבלידן און אויסקעמפן א בעסערן לעבנס שטייגער פארן איצטיקן דור.

## יוסף לעפטוויטש

# לייענען

(שלוס)

יא, עס שיינט מיר אויס, אז וואס מער מיר אנגליזירן זיך, אלץ מער פיליסטינער ווערן מיר. זאל עס מיר זיין דערלויבט נאכאמאל צו ציטירן „די קינדער פון געטא״ — „וואס לוינט זיך צו רעדן פון אלטן דור יידן? מיר זענען איצט א גאנץ אנדערע ראסע. וועמען אינטערעסירט עס פאעזיע, דיכטונג?״

זאל עס זיין א פועל יוצא דערפון וואס מיר קענען איצט אזוי לייכט זיך פארשאפן ביכער, דערפאר שעצן מיר זיי אזוי ווייניק? אין די אלטע צייטן, ווי איזראעל אייבראהעמס דערמאנט אונז אין זיין ווערק „דאס יידישע לעבן אין מיטלאלטער״, זענען ספרים געווען זער טייער. גאנץ תורה האט געקאסט כמעט אזויפיל ווי די שכירות, וואס א מלמד פלעגט באקומען במשך פון פיר חדשים. אט דאס האט אן ספק געהויבן דעם אינסטינקטיוון יראת־הכבוד מיט וועלכן יידן האבן תמיד זיך באצויגן לגבי ספרים אין מיטלאלטער״.

שלמה מיימאן דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע אז זיין פאטער האט געהאט א שאנק פול מיט ספרים אין וועלכע ער האט אים פארבאטן אריינצוקוקן, א חוץ אין די גמרות. דער יונגער מיימאן האט אבער אויסגעלייענט



אלע ספרים אין דער שאנק. פארגעסט נישט, אז דער יונגער שלמה מיימאן איז דעמאלט אלט געווען בלויז זיבן יאר.

אפילו שפעטער איז עס נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג, אז יונגע קינדער זאלן זיך פארנעמען מיט אזעלכע ספרים. שמריהו לעווין, וואס איך בין אלט גענוג אים צו האבן געקענט פערזענלעך, האט אנגעהויבן לערנען גמרא צו זיבן יאר. און ווען ער איז אלט געווען צען יאר האט ער שוין גע־לייענט מאפוס „אהבת ציון״. און צו דרייצן יאר האט ער שוין אליין פארזוכט צו שרייבן א ראמאן אויפן מוסטער פון „אהבת ציון״.

מאזעס מענדלסאן האט געענדערט דעם גאנג פון יידישן לעבן. אין א בוידעם־שטיבל מיט א לעבל ברויט איינגעטיילט אויף זיבן חלקים, כדי עס זאל אים סטייען אויף א גאנצער וואך, האט ער זיך פארנומען מיט לייענען, לייענען און לייענען. זיין גייסט איז אריבער צו זיינע תלמידים, די מענדלסאניאנער, די בערלינער, די משכילים. א ספר, א כתב יד, וואס עס זאל נישט פאר אים געווען א דבר שבקדושה, ביכער אין וואס פאר א שפראך עס זאל נישט זיין זיי זענען געווען פאר אים א ליכט, א באלויכטונג, צו פארטרייבן די חשכה פון איגנאראנץ, פון עם־הארצות. ווי דאס ספר משלי ווארנט אונז, אכטונג צו געבן נישט צו בלאנדזשען „אין דער דעמערונג, אין אוונט, אין דעם חושך און אין דער שווארצער נאכט״.

ווי יעדע אנדערע זאך, האט אויך דער חשק צו לייענען און לערנען זיי־נע הסרונות. פאנאטיזם איז פאנאטיזם אפילו ווען עס האנדלט זיך אין ליב־האבערשאפט פון ביכער און לערנען. מיר האבן זיך אבער שוין צופיל דער־ווייטערט פון אט דעם דאזיקן גייסט. מיר האבן אפילו אויפגעהערט סתם זיך צו באציען צו ביכער מיט רעספעקט.

אן ספרים, אן לייענען, אן דער אויסשטראלונג וואס לייענען גיט פון זיך ארויס צו די, וועלכע לייענען אליין נישט, נאר הערן, אן קענטעניש איז נישט מעגלעך קיין יידנטום און קיין יידיש לעבן. די פראבלעמען מיט וועלכע אונ־זערע חכמים האבן זיך באשעפטיקט במשך פון יארהונדערטער, די מי וואס אונזערע גרויסע האבן זיך געגעבן און געבן זיך היינט צו טאג בנוגע פראגן, צו וועלכע מען מוז געפינען אן ענטפער אין אונזער אייגענער צייט, זענען צו־פיל, אז בלויז א יחיד זאל זיך קענען מיט זיי באשעפטיקן. ס׳איז פאראן א מעשה, וואס ווערט דערציילט פון ר׳ יצחק אלחנן, צו וועמען אן אפיקורס איז געקומען זיך שפארן איבער ענינים פון אמונה. ר׳ יצחק אלחנן האט אים גע־פרעגט צי ער האט געלערנט תנ״ך, משניות, גמרא, רמב״ם; צי ער האט גע־לייענט די חיבורים פון ר׳ יהודה הלוי. ניין, ער איז נישט באהאווינט מיט קיין רעליגיעז ספר. פארוואס זאל ער זיך פארנעמען מיט אט די דאזיקע? ער גלויבט דאך נישט! „מיין פריינט״, האט ר׳ יצחק אלחנן אים געענטפערט, „איר זענט נישט קיין אפיקורס. איר זענט אן עם־הארץ!״

די אמאליקע משכילים האבן אזויפיל געלייענט און אזויפיל געלערנט ביז זיי האבן אנגעהויבן צווייפלען אין דער אמונה. מיט דייער וויסן זענען זיי גע־

ווען ביכולת זיך צו פאַרמעסטן מיט יעדן געלערטן. דאָס היינטיקע פאַראַכטן ביכער און קענטעניש איז אַ סימן פון פאַרגרעבטקייט און גייסטיקער אָרעמקייט.

ווער קען אָפּפרעגן דעם פאָלגנדיקן דיאַגנאָז אין דעם „זייאַניסט רעוויו״? „נישט בלויז וואָס מיר דריקן אויס און דענקען, נאָר אַפילו וואָס מיר לייענען האָט לגמרי גאָרנישט צו טון מיט אונזער וועזן אַלס יידן. אונזער אַלטער דור האָט פאַרגעסן און דער נייער דור האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעלערנט צו רעדן העברייאיש אָדער יידיש. אַפילו די נעמען פון אונזערע גרויסע שרייבער זענען אומבאַקאַנט, און דאָס ביסל יידישקייט וואָס מען היט נאָך אָפּ, ווערט אויך מיספאַרשטאַנען — די גאַנצע יידישע קולטור אונזערע איז פאַר אונז ווי עפּעס אַן אומבאַקוועמע לאַסט.״

אַ טייל וועלן פרעגן, צו וואָס זיך איצט פאַרנעמען מיט ביכער און קולטור? פאַראַן פיל וויכטיקערע ענינים: ישראל, לאַנד־פאַרטיידיקונג, פאַרטייען, כלערליי פּראָבלעמען און טעטיקייטן. וואָס וועלן מיר אָבער זאָגן מכח יידנטום, מכח יידיש לעבן? וואָס זוכן מיר אייגנטלעך צו דערגרייכן, וואָס ווילן מיר אָפּראַטעווען? ווו געפינט זיך עס דער טיפערער אינהאַלט פון דער גאַנצער טעטיקייט אונזערער?

מיר האָבן געהאַט באַוועגונגען און טעטיקייטן נאָך פריער אויך. אַמאָל איז עס געווען די פראַגע פון יידישער עמאַנציפּאַציע. שניאור האָט אונז געגעבן אַ בוך איבער דעם עמאַנציפּאַציע פּעריאָד אונזערן אין רוסלאַנד. איינער פון די פירער פון דער באַוועגונג, נסע נאַטקין, בעט זיך ביי זיין פריינט, יהושע צייטלין, אים צו העלפן. אַ סך מוז געטון ווערן, זאָגט ער, און וויכטיקע אַרבעט. צייטלין אָבער ענטפערט אים: „געדענקסט ווי נאָכן חורבן בית שני האָט ר׳ יוחנן בן זכאי פאַרלאַנגט מען זאָל אים געבן די שטאָט יבנה מיט אירע לומדים. אונזער גאַנצע יידישקייט היינט צו טאָג האָבן מיר אַ דאַנק אַט דער קליינער שטאָט יבנה״.

ווען איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שמועס מיט זיגמונד פרויד אין לאָנדאָן נאָכדעם ווי היטלער האָט אים פאַרטריבן פון ווין, האָט ער, דער פּליט, איבערגעחזרט פאַר מיר אַט יענעם אויסגעשריי: „בויט אַ ניי יבנה!״

יבנהס אָבער פאָדערן נישט בלויז ביכער און ספרים, נישט בלויז שרייבער און דענקער און לומדים; זיי פאָדערן אויך לייענער און לערנער. און לייענען, זאָל מען עס נישט פאַרגעסן, פאָדערט מי; זויגן הייסט זיין אַקטיוו.

לייענען, האָט מיין פריינט האַלברוק דזשעקסאָן מיר געזאָגט, איז פּונקט אַזוי שעפעריש אַקטיוו ווי שרייבן. דאָס איז שוין אפשר אַביסל צופיל געזאָגט. אָבער ער האָט אָן ספק רעכט ווען ער זאָגט, אַז עס פאָדערן זיך צוויי פּערזענלעכקייטן ביים שאַפן אַ בוך, אַ מחבר און אַ לייענער. דאָס בוך עקזיסטירט כלל נישט כל זמן מען לייענט עס נישט.

און, זאָגט ער ווייטער, „גוט צו לייענען הייסט אַריינדרינגען אין דעם ווערק און זיך צו אידענטיפיצירן מיטן אויטאָר, אים צו דערמעגלעכן זיך



אויסצולעבן דורך אייער וועזן, צו דער זעלביקער צייט אָבער נישט צו דערלאָזן, אַז ער זאָל ביי אייך אָוועקרויבן אייער אייגענעם מהות״. נאָכאַמאָל, דאָס זויגן, די נאָרונג, די אָנפילונג און באַרייכערונג פון אייער אייגענעם איך.

„יעדע אַרט לייענען פאָדערט מי״, שרייבט סער אַרטור קוויללער־קוש. „די ענערגיע, דער גוטער ווילן, וואָס אַ לייענער ברענגט צו אַ בוך, מוז ווערן פאַרווענדט אין דער עצם מי פון לייענען. און עס הייסט אַן אייגנטלעך פאַרדייען וואָס דער מחבר מיינט״.

אַט דאָס איז די באַטייטונג פון לייענען, פון ביכער און ספרים, פון ביבליאָטעקן, פון אונזערע יבנהס, וואָס ראַטעווען אָפּ יידן און יידנטום, און די מענטשהייט; וואָס גיט אונז זין און צוועק און רעאַליטעט.

אונזערע יבנהס זענען אונזערע אַרכיוון, אונזערע באַהעלטערס און ציסטערנעס. „וואָרום פּונקט ווי וואַסער״, זאָגט בעיקאָן, „צי עס איז דער טוי פון הימל אָדער די קוואַלן פון דער ערד, צעשפּרייט און פאַרלירט זיך אין דער ערד, אויב מען זאַמלט עס נישט איין אין באַהעלטערס, און צו דעם צוועק האָט דער מענטש מיט זיין אינדוסטרי געשאַפן ברונעמער, וואַסער־לייטונג, ציסטערנעס און רעזערוואואַרן, אַזוי־אַ וואָלט די טייערע פליסיקייט פון קענטעניש, זאָל זי האָבן צו אונז אַראָפּגעקומען פון געטלעכער באַוועלונג, אָדער אַרויפגעשפּראָצט פון מענטשלעכער פאַרנונפט, פאַרלוירן געגאַנגען גאַר גיך אויב מען וואָלט זי נישט אויפבאַוואַרט אין ביכער און ספרים״.

און ביכער פאָדערן קרבנות. „קרבנות״, ווי הענרי רייקראָפט דריקט זיך אויס. „נישט אין אַ סאַלאָן־אַרטיקן זין פונם וואָרט. אַ סך פון מיינע ביכער״, דערקלערט ער, „האָב איך געקויפט מיט דעם געלט, וואָס מען האָט געדאַרפט אויסגעבן אויף לעבנסמיטל. אַ סך מאָל בין איך געשטאַנען פאַר אַ ביכער־שטעלע אָדער פאַר אַ בוכהענדלערס שויפענסטער און איבערגעלעבט אַן אינערלעכן געראַנגל צווישן אינטעלעקטועלן פאַרלאַנג און קערפּערלעכער באַדערפעניש. אין דער סאַמער מיטאָג־שעה, בשעת מיין מאָגן האָט דרינגלעך געפאָדערט שפייז, בין איך אָפטמאָל געשטאַנען פאַר אַ בוך, וואָס איך האָב שוין לאַנג געגאַרט צו האָבן און אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעשריבן אַזאַ ביליקער פּרייז, אַז איך האָב עס פּשוט נישט געקאָנט לאָזן ליגן; אָבער עס צו קויפן האָט באַטייט צו פילן דעם טעם פון הונגער״.

בעיקאָן האָט אָן ספק רעכט ווען ער באַצייכנט ביבליאָטעקן ווי הייליקע מקומות. „אַלטאַרן״, רופט ער זיי, „ווו די רעליקוויעס פון די קדושים רוען און ווערן אויפבאַוואַרט״.

איך וויל אָבער, אַז מען זאָל מיך נישט מיספאַרשטיין. עס איז גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך צו זיין אַ בעל־דרשן, און צו פאָדערן פון עולם הויכע מאָראַלישע ערנסטקייט. נאָר צו רעדן פּונקט ווי אַלע ביכער און לייען־מאַטעריאַל וואָלטן געווען גוט און אויסגעצייכנט וואָלט דערפירט, אַז מען זאָל מיר זאָגן: „יאָ, און וואָס וועט איר זאָגן מכוח אַט די דאָזיקע אָדער יענע ביכער?״ פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען פאַראַן שרייבער, וואָס האַלטן, אַז יעדע

שריפט מוז „פארטיידיקן א מאראלישן צוועק, אן עטישן ציל און וואס איז מאראליש גוט״. אויב נישט, זענען זיי בלויז „מיטלען וואס דינען צו אינטעלעקטועלער צעלאזנקייט״, ווי טשעסטערטאן רופט זיי אן, „וואס מען דארף זיי האלטן הינטער שלאס און ריגל, ווי די פוריטאנער פלעגן דאס אמאל טון מיט אקטיארן״.

לייענער אבער פארלאנגען אויך שריפטן פון א גאנץ אנדערן זשאנר. עס זענען נישט בלויז קינדער, וואס רייסן זיך אזוי צו „שפאנענדע געשיכטעס״, ראמאנען און פאנטאסטישע דערציילונגען. איינער פון מיינע ערשטע פריינט, דזשעק אייזאקס, וועלכער איז איצט פראפעסאר פון ענגלישער ליטעראטור, האט מיר ערשט נישט לאנג געזאגט, אז קיין ליטעראריש ווערק האט אים נישט געהאלטן אזוי געשפאנט ווי די יוגנט ליטעראטור און די פענעדיקע מעשיות פון גרויזאמקייטן, וואס מיר פלעגן לייענען בעת מיר זענען נאך געווען יינגלעך. אין די „קינדער פון געטא״ לייענען מיר, אז דער יונגער סאלי אנסל, אסתרס ברודער, האט געהאט גרויס פארגעניגן פון „דער געשיכטע פון דעם טייוולאניש־דרייסטן דיק און זיינע חברים, וואס ער האט זי באקומען צאלנדיק מיט קנעפלעך. סאלי פלעגט אט די מעשיות האלטן אונטערן שלאס אין זיין שענקל אין דער שולע און צווישן די בלעטער פון זיין סידור, און געלייענט זיי יעדן אין דער פרי בשעתן דאווענען. דעם איינציקן שאדן, וואס ער האט דערפון געהאט״, זאגט זאנגוויל, „זענען געווען די שמיץ״, וועלכע ער האט באקומען פון לערער, ווען ער האט אים געפאקט ביים לייענען.

דער ארט לייען־מאטעריאל שאדט קיינעם נישט. יא, דער גייסט ווערט אפילו בארייכערט פון לעגענדעס און פאלקס־מעשהלעך, וועלכע "שטאמען אייגנטלעך פון א ריין מענטשלעכע ליבשאפט פאר פאנטאסטישקייטן, דרייסטע אונטערנעמונגען, אומזין און זאכן, וואס קענען נישט פארווירקלעכט ווערן.

מיר אלע האבן ליב די משלים פון דרשנים, חסידישע מעשיות, די מעשיות פון טויזנט און איין נאכט, וואס מיטן צונויפזאמלען זיי און זייער פארשפרייטונג אין דער וועלט יידן האבן געהאט א סך צו טון, די נסיעות פון זינדבאנד, און אנדערע דערציילונגען פון אט דעם זשאנר.

און, פארשטייט זיך, מיר האבן ליב אונזערע וויצלער, אונזערע געלעכטער־מאכער. „לאכן איז געזונט״, ווי שלום עליכם דערמאנט אונז.

אט דאס אלץ געהערט זיך אן מיט לייענען און מיט ביבלאטעקן. אפילו שלעכטע ביכער און שעדלעכע האבן דארט זייער ארט. די פערווערזע שרייבער, די שרייבער, אין וועמען עס זיצט א בייזער גייסט. מיר געדענקען ניט מער ווי אין דער מאדע די דעקאדענטן זענען אמאל געווען. „עס איז מיר פארגעקומען, אז דער גאנצער שארפזין און די גאנצע חכמה אין דער וועלט האבן זיך מאביליזירט צו רעדן לשון הרע אויף דער וועלט און זי נידערצושלאגן״, דערציילט אונז טשעסטערטאן, דערמאנענדיק, אז זיין „ערשטער דראנג צו שרייבן איז געווען אן ארט רעוואלט און עקל לגבי די דעקאדענטן און דעם עסטעטישן פעסימיזם פון די ניינציקער יארן פון פאריקן יארהונ־



דערט״. היינט צו טאג איז אט יענע טענדענץ טויט. אבער אין אונזערע ביבליאטעקן האט זי נאך אלץ איר ארט, כדי אונז צו דערמאנען, אז די ליטעראטור שליסט איין אפילו „מאנסטערס און טייוואלים״, מעשיות פון גרויזאמקייט און רציחה און זעלבסטמארד.

צווישן די דעקלעך פון א בוך געפינען מיר טיילמאל שרעקלעכע זאכן, נישט נאר וואס מיר רופן אן שונד, נאר טייוולאנישקייטן בכוונה, ווי די שריפטן פון אלפרעד ראזענבערג, און היטלערס „מיין קאמף״, וואס האט כמעט חרוב געמאכט די וועלט.

די צענזור קען גארנישט אויפטון קעגן אזעלכע זאכן. זי וואלט נאר אנגעווארפן א מורא און א פארבאט אויף סתם שריפטן, און געשטערט, אז א סך גוטע און געוואונטשענע ביכער זאלן בכלל דערשיינען. כדי רוצחים זאלן נישט ארומגיין אויף אונזערע גאסן, וואלט מען געדארפט ארויסלאזן א מעלדונג, אז דאס ארומגיין אויף די גאסן איז בכלל פארבאטן.

אויסער דעם, מיר יידן ווייסן, אז גאט האט אלץ באשאפן. סאי ליכט סאי פינסטערניש, סאי דאס גוטע סאי דאס שלעכטע. און מיר געפינען זיך דא, כדי גובר צו זיין דאס שלעכטע. דערפאר קענען מיר פארשטיין וואס אנאטאל פראנס האט געמיינט, ווען ער האט געזאגט, „עס האבן געמוזט זיין בארדזשיאס אין דער וועלט, כדי מען זאל ווייסן וואס די מענטשלעכע חיה איז בכח אויפצוטון״.

אפילו פון שלעכטע ביכער, ספרים רעים, ביכער וואס דעגענערירן און פארשאפן אייך עגמת נפש, קען מען ארויסבאקומען עפעס גוטס דורכן אויסגעפינען וואס אייגנטלעך איז דאס שלעכטע, און אדורכטראכטן עס אין אונזער מחשבה. וואס טשעסטערטאן זאגט, אז זיין דראנג צו שרייבן איז געווען א פועל יוצא פון זיין עקל מיט די דעקאדענטן, דאס האט מיר לואיס זאנגוויל געזאגט מיט אנדערע ווערטער, ווען ער האט מיך געלערנט, אז איינער פון די ערשטע אימפולסן צו שרייבן באטיים לייענען און אויסגעפינען עפעס, מיט וועלכן איר קענט אבסאלוט נישט מסכים זיין און אז איר קענט, פשוט, נישט איינזיצן נאר מוזט אויסדריקן אייער להיפכדיקע שטעלונג, אייער אפאזיציע און פאזיטיוו באקאנט מאכן אייער גלויבן, אייער דעה.

אט דאס באטייט, אז איר מוזט לייענען אקטיוו, אויפמערקזאם, ארויסנעמענדיק פונם בוך „די שפייז״, מיט וועלכער אייערע געדאנקען קענען זיך נערן.

אפילו סאמערסעט מאהם, וועלכער האלט, אז „לייענען דארף זיין א פארגעניגן״, זאגט ווייטער * „אוודאי, כדי עפעס צו האבן דערפון, מוזט איר דערצו אנווענדן אייער גאנצע אויפמערקזאמקייט. אבער א געזונטער פארשטאנד געפינט גארנישט אומאנגענעמעס אין פארנעמען זיך אקטיוו מיט פארשידענע געדאנקען״.

„ביכער זאגן קיינמאל נישט איין און די זעלביקע זאך צו אלע זייערע לייענער״. ניין, אפילו נישט צו די זעלביקע לייענער אין פארשידענע צייטן

און צייט־עלטער.

קאַרלייל האָט געזאָגט — אַפילו ווען ער האָט פאַלש געשריבן, איז עס דער חוב פונם לייענער ריכטיק אויפצוכאַפּן.

אַזוי אַרום קום איך צוריק צו מיין טעזע. לייענען באַטייט לעבן, גייסטיק לעבן, אַנפילונג. בעיקאָן פאַרגלייכט ביכער מיט וואַסער. וואַסער וואָס מיר טרינקען און עס העלפט אונז צו לעבן. אָבער וואַסער קען אויך זיין אַ געפער־לעכער שונא, אַ מבול וואָס דערטרינקט דאָס לעבן און מאַכט עס חרוב. דער־פאַר, ווען מיר זענען מתפלל אויף רעגן, זענען מיר פאַרזיכטיק צוצוגעבן, ווי מיר דאַרפן עס טון אויך בנוגע ביכער, „לברכה ולא לקללה“.

## אליהו פאלושאק

### „אין איראָפּע און ביי אונדז אונטערן אויוון“

(צו דער 34־סטער יאָרצייט פון י. ל. פרץ)

.3

עס זעט אויס, אַלס אויב אונדזערע אַלטע מומעס, „וואָלגנע זאָקן אין די הענט, שפּילעך אונטער די אויערן“ האָנדלען באַוואוסטזיניק פאַלש און איג־נאָרירן די צייט. זיי לעבן הינטערן אויוון אין אַ גייסטיקן קבצנסק. אין זייער גייסטיקער און מאָראַלישער שפלות קענען זיי זיך נישט אויסלעבן אינם שאָטן פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט, וועמענס ווערק, טעטיקייט און ווירקונג עס האָבן באַאיינפלוסט און דאָמינירט דעם שעפערישסטן יידישן ישוב אין דער וועלט.

מיר היינטיקע יידן לעבן אין אַן עפּאָכע פון אַ געוואַלטיקן נאַציאָנאַלן אויפשוואונג און אומשוואונג. עס איז אַ ווענדפּונקט אין אונדזער געשיכטע, און מען קען נישט פאָראויסזען און פאָראויסזאָגן די ווייטערדיקע געשטאַלטונג, פאָרמירונג און אַנטוויקלונג פון אונדזער גייסטיקן און קולטורעלן לעבן אין די אַזויגערופענע גלות לענדער און אַפילו נישט אין מדינת ישראל. און ס'איז סימפּטאָמאַטיש, אַז גראַד די־יעניקע פון אונדזערע מיטצייטלער, וועמען עס פעלט אָם־מייסטן דער ווייטבליק צו זען פאָראויס און דער צוריקבליק צו פאַר־שטיין די גייסטיקע רעוואָלוציע און עוואָלוציע פון דער פריערדיקער עפּאָכע, זיינען די ערשטע צו מינימיזירן די געוואַלטיקע השפעה, וואָס עס האָט געהאַט י. ל. פרץ אי אַלס יידישער דיכטער, אי אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער און ווענבאַרייטער פון דער גרויסער יידישער קולטור־רענעסאַנס, וואָס איז סטי־כיש אַרויסגעשפּראָצט אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פונם תחום המושב אין דער צייט פון דער פּאָליטישער רעאַקציע נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אינם יאָר 1905.

ווי שוין דערמאָנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך האָט זיך דאָס יידישע לעבן אָנגעהויבן צו פאָרמירן אויף אַן אַנדערן אופן. די השפעה פון איראָפּע



האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּירן אויף דער יידישער גאַס. דער יידישער אַרבע־טער איז אַרויס אויף דער פריי צו פאַרלאַנגען זיין רעכט. און אין זיין קאַמף פאַר רעכט און פרייהייט, איז ער געקומען אין קאָנפליקט מיט די קאָנסער־וואַטיווע און רעאַקציאָנערע כחות פון זיין אייגענער סביבה. עס געשייט ביי אונדז אונטערן אויוון דאָס זעלבע, וואָס ס'איז געשיין אין איראָפּע. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַנטוויקלט זיך אַנטי־קאָנסערוואַטיוו און אַנטי־קלערי־קאַל. די שול און דער בית־המדרש הערן אויף צו זיין דער צענטראַל־פּונקט אינם גייסטיקן לעבן פון די גרויסע יידישע אַרבעטער־מאַסן און דער אינטע־ליגענץ. די שטופּענווייזע פאַרוועלטלעכונג פונם יידישן לעבן דרינגט צו דער שאַפונג פון נייע גייסטיקע ווערטן און קולטור־פאָרמען.

יעדער פון אונדז, וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידיש־יידישער קולטור, ווייס די גרויסע באַדייטונג פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם אַלס קלאַסיקער און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער מיט זייערע ווערק אַליין האָט מען קיין קולטור־בנין נאָך נישט געקאָנט אויפ־שטעלן. ערשט דאָס אויפטרעטן פון אַזאַ דינאַמישער, אומרואיקער און פיל־זייטיקער פערזענלעכקייט ווי פרץ, האָט געקאָנט באַווירקן אַן אויפשוואונג פון אַ נייער יידישער קולטור אויף וועלטלעכער באַזיס. אויך דאָ, אויף דעם גייס־טיקן געביט זיינען די רעטונגס־מיטל געוואַקסן מיט דער געפאַר. „לא על הלחם יבדו יחיה האדם“. עס לעבט נישט דער מענטש פון ברויט אַליין. דער קאַמף פונם יידישן אַרבעטער איז נישט געווען נאָר פאַר העכערע שכירות און אַן אָנגעשטאָפּטן מאָגן. עס זיינען אויפגעטויכט נייע מאָראַלישע ווערטן און אַ נייע עטיק אויף דער יידישער גאַס. עס איז געווען דער קאַמף פאַר די חשיבות פונם ייד אַלס מענטש, אַרבעטער און בירגער; דער קאַמף קעגן רעכטלאָזי־קייט, ווילקיר, באַגרעניצונגען, פּראָצענט־נאָרמען און אַנדערע מיאוסע באַגלייט־דערשיינונגען פונם אַמאָליקן צאַריסטישן רעזשים.

עס איז נישט נאָר פרץ דער דיכטער, דער שאַפער פון דער איינמאָליקער באַלאַדע „מאָניש“, דער פרץ, וואָס האָט אַמאָל געמיינט, אַז אין יידיש קען מען נישט אויסזינגען הויכע געפילן און אויסדריקן עמאָציעס פון דער מענטשלע־כער נשמה. („אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען, כ'זאָל פאַר גויים גוי'יש זינגען, נישט פאַר יידן, נישט זשאַרגאָן! — — — ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל נישט קיין פאַסנד וואָרט, קיין סטיל“ — „מאָניש“ —), און נישט דער פרץ, וואָס האָט אין זיינע מייסטער דערציילונגען און פאָלקסטימלעכע געשיכטן אַנט־פּלעקט די טיפע אינערלעכקייטן פונם יידישן סבלן, פונם יידישן חקרן, פונם יידישן פאָלקס־מיסטיקער, פונם יידישן ניגון, וואָס זינגט זיך אַרויס פון דער נשמה אָן קול און אָן ווערטער. — עס איז אויך פרץ דער זוכער, דער דענקער, דער קעמפער פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פרייהייט, און פרץ דער קולטור־שאַפער און בויער, וואָס האָט זיך געשטעלט אַן אייביקן מאָנומענט אין דער יידישער געשיכטע.

עס זיינען די קינדער פון באַנטשע שוויג, פון חיים דעם וואַסערטרעגער,

די איינ׳קלעך פון מענדעל ברייננעס און דעם בריסקער רב, וואָס טרעטן אַרויס אויף דער אַרענאַ פון אַ נייער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז נישט נאָר אַנטי־קאָנסערוואַטיוו און אַנטי־קלעריקאַל, נאָר אויך אַנטי־אַסימילאַציע. דער גאַנצער אומשוואונג אינם סאָציאַלן לעבן פון אייראָפּע פירט אויך זיי צו ראַדיקאַליזם, סאָציאַליזם און אַ נייער קאָנצעפּציע פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס שטייט מחוץ דעם דאַמאָלס אין קינדער־שיכעלעך שטענדיקן אוטאָפּישן ציוניזם. עס איז די געבוירן־שעה פון דער מאָדערנער יידיש־יידישער פּובליציסטיק, פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק, וואָס ווערן כלי־זיין און וועקצייג פאַר דער אויפקלערונג פון די מאַסן, מעדיום אינם קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג, קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער נויט פון די יידישע מאַסן אינם אַמאָליקן תחום המושב.

אומגעהויער גרויס איז געווען פּרץ׳עס אַנטייל אין אַלע די דאָזיקע קאַמפן און דיסקוסיעס. פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען זעקס מיליאָנען יידן, אַ גרויסע עטנאָגראַפישע מאַסע, אַריינגעקוועטשט אין די ריכט־באַפעלקערטע מאַרב־פּראָווינצן פונם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, אַ מאַסע, וועלכע, כאָטש אונטערדריקונג, אויסנאַם־געזעצן און עמיגראַציע, איז געוואַקסן נישט נאָר אין איכות, נאָר אויך אין כמות. פאַר די דאָזיקע יידישע מאַסן דאָרט אויפן אָרט האָט ער פאַרלאַנגט דיזעלביקע רעכט, ווי עס האָבן פאַרלאַנגט למשל די פּוילישע סאָציאַליסטן און פּאָסטעמפּאָוצעס (די פּויליש־פּראָגרעסיווע פּאַרטיי מיט אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי בראָש), די ליטווינישע, אוקראַינישע און לאַטווישע פאַרטרעטער פאַר זייערע פעלקער.

פּרץ איז אפשר געווען דער ערשטער (בשעתו) פון אונדזערע גדולים, וואָס איז געווען פריי פון יעדער גלות־פּסיכאָלאָגיע, אָטאָ יענער שטיף־מאַמע פונם יידישן מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. ער האָט נישט איינמאָל אויפגעוויזן און מוסר געזאָגט דער נאַציאָנאַל־פּוילישער געזעלשאַפט, אַז דאָס פּוילן פון היינט איז אַ פּראָדוקט פון יידישער מיטאַרבעט; אַז מיר יידן זיינען עס געווען, וואָס האָבן געבויט די שטעט, אַנטוויקלט האַנדל און מלאכה, אויסגעבויט און אָנגעהאַלטן די קאָמערציעלע באַציאונגען מיט דער אויסנוועלט. און ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז נאָך אַ זיג פון דער רעוואָלוציע, וועט די יידן־פּראַגע אין פּוילן גופא, אין אַ פּוילישן סיים אין וואַרשע, געלייזט ווערן אויף אַ נישט־גינסטיקן אופן, איז ער אין הסכם מיט דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם „בונד״ פון דאַמאָלס געווען קעגן אַ סעפּאַראַטיזם פון אַ מלוכה פּוילן.*) פונם יידיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז פּרץ׳עס געדאַנק געווען פון געוואַלטיקער באַדייטונג, וואָרים אַ באַפרייט פּוילן סעפּאַרירט און אָפּגעשניטן פונם גרויסן אַל־רוסלאַנד, וואָלט עקאָנאָמיש געוואָרן אַ שוואַכער מלוכה־קערפּער. גוט קענענדיק אונדזערע ליבע פּאָליאַקן, וואָלט זייער נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון „סוואָי דאָ סוועגאָ״, לויט פּרץ׳עס מיינונג, געמוזט

*) פּרץ איז איינגעטרעטן פאַר אַן אויטאָנאָמען פּוילן.



פירן צו אַ געשווינטער פאַראָרימונג פון די יידישע מאַסן. עס וואָלט אויך געקומען צו אַ נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט פון די רוסישע, אוקראַינישע און באַלטישע יידן. מיר ווייסן היינט, ווי גערעכט פּרץ איז דאַמאָלס געווען.

אָטאָ די אַלע דאָ אָנגעפירטע קאַמפן און פּראָבלעמען זיינען געשטאַנען מחוץ דער דאַמאָלדיקער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז אין דער אָנגעפירטער צייט גאָרנישט געווען קיין באַוועגונג פון פאָרמאַט און אויך נישט קיין אָרגאַניזירטער כח. טראָגנדיק אַ פאַראַכטונג צו יידיש אַלס לעבעדיקע שפּראַך און קולטור־פאַרמיטלער, זיינען זיי באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט מאַנכעסמאָל געוואָרן די מיטהעלפער פון דער אַסימילאַציע. אין אַלע ציוניסטישע ביבליאָטעקן פון די גרעסערע שטעט אין פּוילן זיינען נעבן העברעיאישע ביכער געווען צאָלרייכע פּוילישע אָפּטיילונגען. די קינדער פון בירגערלעכע ציוניסטן אין יענע יאָרן האָבן גאָרנישט געוואוסט פון אַ אויפשטייגנדיקער יידישער ליטעראַטור. פון אַ רענעסאַנס אויף דער יידישער גאַס און האָבן זיך באַציגן מיט פאַראַכטונג צו דער אויפשטייגנדער נייער נאַציאָנאַל־יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור־באַוועגונג, וואָס איז גייסטיק און פינאַנציעל געוואָרן געטראָגן און אויסגעהאַלטן פון די אַרבעטער־מאַסן און אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ.

און עס איז געווען פּרץ, דער גרויסער שעפערישער, דינאַמישער און אומרואיקער גייסט, וואָס האָט געשטעלט יידיש אינם מיטל־פּונקט פונם נייעם גייסטיקן אויפשוואונג. אודאי איז ער, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער סינטעזע פון יידישקייט און אייראָפּעיִזם, מאַנכמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ שטימונג פון ספקות, און האָט זיך געפרעגט: וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור? און ער האָט געזאָגט: „גייט מיט אַ ליכט און זוכט אין אונדזער ליטעראַטור טראַדיציע. איר וועט עס נישט געפינען. איר הערט אין ערגעץ נישט דעם אָפּקלאַנג פון די קולות אויפן באַרג סיני. איר זעט נישט דעם אָפּגלאַנץ פון דער שכינה איבער די כרובים. פאַרשטומט איז דאָס פּראָפעטיש וואָרט. דער רענעסאַנס איז קוים דערגאַנגען צו ר׳ נחמן בראַצלעווער...״ („געדאַנקען און אידייען״).

ער האָט אויפגענומען זיין קאַמף קעגן אַ גייסטיקן געטאָ. „געטאָ איז אימפּאָטענץ, קולטור־קרייציגונג; זאָל קומען דער מענטש, מוז ער זיין דער סינטעז, דער סך־הכל, די קווינטעסענץ פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרמען און וועלט־אַנשויאונגען״.

„נעמען און זיך נישט פאַרלירן״ — דאָס איז די הויפּט־זאַך. און דאָס איז דאָס שווערסטע ביי שוואַכע און ניט־זעלבשטענדיקע פעלקער... פונם יידישן שרייבער מוז מען דעריבער מער פאַרלאַנגען. דאָ איז אייגנאַרט — ווירקלעכער כאַראַקטער, די אָריגינעלע פאָרם — די העכסטע פאָרם פון ווילנסקראַפט!״ (י. ל. פּרץ „געדאַנקען און אידייען״).

פּרץ האָט אויך אַמאָל געזאָגט: „צוריק אין שול אַריין״ אָדער „צוריק צו דער ביבל״ און ער טייטשט אויס, אַז צוריק צו דער ביבל הייסט נישט „בלייבן שטיין ביי דער ביבל״. יידישקייט איז נישט שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ.

„יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג. דאָס הייסט: איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט".

„אין ערגעץ־נישט פאַרשטיינערט, אין ערגעץ־נישט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ־נישט בלייבן שטיין".

קיין אומגליק נישט, פּאָגראָמען, נויט, הונגער, שאַנד און שפּאָט טאָרן ניט זיין קיין באַרעכטיקונג פאַר רעאַקציע. „נאָר מער כאַראַקטער מוז מען האָבן".

„אַנדערע וועגן זיינען פאַר אַנדערע".

איך האָב נאָר אַ פּאָר שטיינדלעך פון דער פּרץ'שער געדאַנקן־מאָזאַאיק אַרויסגענומען, כדי צו באַשטעטיקן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אינם ערשטן קאַפּיטל, אַז די וואָס נעמען זיך צו דער „אומווערטונג פון די ווערטן פון אַמאָל" און ווילן באַווייזן, אַז פּרץ איז געווען דער און יענער, וואָס האָט (אָדער האָט „אויך") פאַרלייקענט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פונם יידישן פאָלק, אַז זיי, די באָבעס מיט די טשופּיקעס און די אַלטע מומעס הינטערן אויוון, ווייסן נישט, וואָס זיי שרייבן.

וואָרום וואָלטן זיי יאָ געוואוסט, וואָס זיי שרייבן, וואָלטן זיי געדאַרפט וויסן, אַז אין יענער צייט מיט 35־40 יאָר צוריק איז געווען דער גרויסער יידישער ישוב פון זעקס מיליאָנען יידן, שטייענדיק אינם גרויסן טאָג־טעגלעכן קאַמף נישט נאָר פאַר ברויט, נאָר אויך פאַר פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג אַלס מענטשן און בירגער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע אינם צאַריסטישן רוסלאַנד. עס איז אויך געווען דער קאַמף קעגן דעם גייסטיקן תחום המושב, קעגן גייסטיקן געטאָ, קעגן אַסימילאַציע און אָרטאָדאָקסיע פאַר אַ נייע גייסטיקייט, געזעלשאַפטלעכקייט, פאָרמען, עטיק און קולטור־רענעסאַנס אויף דער יידישער גאַס. געוואַלטיק גרויס איז געווען פּרץ'עס אַנטייל אינם דאָזיקן קאַמף, און זיין גייסטיקער איינפלוס איז געוואָרן שטאַרקער און ווירקזאַמער נאָך זיין טויט, ווען מיט דעם וואַקסן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג עס זיינען אַרויסגעשפּראָצט ביבליאָטעקן, קולטור־אינסטיטוציעס און פרייע יידישע שולן אין פּוילן און ליטע פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

י. ל. פּרץ איז דער טאַטע פונם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק און אַ יידישן קולטור־אידעאַל דאָ אין גלות. ער האָט אונדז קלאָר געמאַכט דעם געדאַנק: קענען מיר דאָ נישט האָבן קיין ירושלים, קענען מיר אויפבויען אַ יבנה. וואַרשע און ווילנע זיינען אַזעלכע יבנה'ס געווען. זיי זיינען היינט נישט מער דאָ!.. דאָס האָט ליידער קיינער נישט, אַפילו נישט דער גרעסטער פּעסימיסט, געקענט פאָראויסזען. און ווען איצטער שטייען ירושלים און מדינת ישראל אַלס רעאַליטעטן אינם יידישן לעבן, האָבן זיי גייסטיק זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן אומשטערבלעכן יצחק לייבוש פּרץ, דעם יידישן שלאַכטשיץ פון זאַמאָשטש אין פּוילן, פאַר וועמען געטאָ איז געווען אימפּאָטענץ, קולטור־קרייציגונג. און וואָס האָט אונדז געלערנט: „יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש..."

(סוף)



דאָרא דימאַנט

## אויף דער לויה פון יאַנקעל אדלער

אין דעם ביורא פון זיין פריינט, אַדוואָקאַט אויקין, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פּאָר פון די נאָענטסטע פריינט און באַקאַנטע יאַנקעל אַדלערס, פון דאָרט צוזאַמען אַרויסצופאָרן אויפן בית עולם. — די אומבאַגרייפליכקייט פון דעם שרעקלכן געשעעניש, אַזוי פּלוצים, אַזוי גרויזאַם, איז ווי אַ קאַשמאַר געלעגן אין דער לופט. סאיז ממש שווער געווען צו אָטעמען. — קומט אַריין אַ דאַמע, אַנגעטאָן אין גרוי און שוואַרץ, אַ שכנה פון יאַנקלען, און זעצט זיך אַוועק. פּלוצים צעלאַכט זי זיך, מיט אַזאַ פּשוטקייט: ווען יאַנקעל קאָן דאָס זען! אונדז אַלעמען דאָ אַזוי זיצן, מיט אַזעלכע פּנימער, אַזוי אַנגעצויגן, פּונקט ווי אויף אַ לויה, אוי וואָלט ער געלאַכט! — געזאָגט האָט זי דאָס אַזוי וווּנדערבאַר פּשוט, און אויפריכטיק אַמוזירט. ס'האָט פאַרקלעמט, און אַזאַ שרעק אַרומגענומען: וועט מען נאָך קאָנען אַמאָל אַזוי לאַכן, מיט אַ גאַנץ, אומגעבראָכן געלכטער, ווען יאַנקעלס פולער, זאַטער געלעכטער, וואָס האָט זיך ווי אַראָפּגעקייקעלט פון זיינע ווי בערשטן בושעוואַטע ברעמען, וועט נישט מער מיט־הילכן? — וואָס טוט זיך דאָ? ווי הייסט? אַלעס דאָס וועט פּלוצים, מיר נישט דיר נישט, פּשוט נישט מער זיין? די לעבנספרייד, די פרייד צו מאָלן, די פּלענער אַלע, איבעריאַגנדיק איין פּלאַן דעם אַנדערן, נישט מער זיין? נישט מער זיין די גליקליכע זאַטע צופרידנקייט, וואָס אַט ענדלעך דערגרייכט די מנוחה, וואָס דאָס לעבן איצט דאָרט דרויסן אויפן דאָרף וועט געבן, אין דעם רחבותדיקן אַטעליער, מיטן אייגענעם קאָפּ פאַרטראַכט און אויסגעפּלאַנט, און מיט די אייגענע הענט מיט אויפגעבויט? די פרייד, ווי פון אַ חתן, גרייטענדיק זיך, ענדלעך, פון קיינעם און פון קיין שום זאַך נישט געשטערט, אָנהויבן אויף אַן אמת אַרבעטן? דער גאַנצער לעבנסשטייגער, טאָגטעגליכער און יומטובדיקער, אַלע פריידן און זאָרגן, דער פאַרקער מיט מענטשן און פריינט, אַלץ, אַלץ, געווען נאָר אַ מיטל, אַ פּאַלעטע צום מאָלן. האַרט און שטרענג, ריקזיכטלאָז, אומברחמנותדיק צום אַלעם און יעדן, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן צו קאָנען זיין אַ מינדעסטע שטערונג פאַר דער אַרבעט. און אַלצדינג אָנגענומען פאַר גוט און ריכטיק, וואָס האָט דערמעגליכט, פאַרלייכטערט די אַרבעט. — ווי איז דאָס אַלעס יעצט? וואָס הייסט דאָס? מיטן דרינגען אַזוי נישט צוגעגרייט צו קיין שום זאַך אין לעבן און אין טויט, אַ חוץ צום מאָלן? וואָס וועט יעצט זיין? וואָס וועט זיין מיט די צוויי פּראַקטיקע אַטעליערס זיינע? וואָס, מיט דער וווּנדערלעך־שיינער עגיפּטישער געטין אויבן אין בעד־פאָרד גאַרדענס? וואָס מיט די אָנגעהויבענע בילדער? ווער וועט זיי פאַרענדיקן? וואָס, מיט דער טעלעפאָן־נומער אין נאָטיץ־ביכל? ווי זיך פאַרשטעלן, אַז אויב מ'וועט קלינגען דעם נומער: פּ.אַ.ר. 9627, — וועט דאָרטן אויף דער אַנדערער זייט שוין קיין מאָל מער זיך נישט אָפּרופן די טיפע, פולע שטימע

פון יאַנקלען, טײלמאָל מיט אַן אונטערטאָן פון אומגעדולד, אויב געשטערט בײ דער אַרבעט. ווו, ווו איז דאס אלעס? ווי הייסט: נישט מער דא? ס׳איז משוגע צו ווערן.

אין „טהרה־היכל״ בײ דער לויה־צערעמאָניע, אַנטקעגנאיבער מיר שטייט זיין אויסשטעלער גימפּל, איבערגעבויגן איבערן דינעם ספר׳ל. —

ס׳איז ניט אויסצוהאַלטן! אַזאַ פאַרצווייפלטער כעס פּרעסט און רייסט שטיקער: וואָס האט דאס צו טון מיט יאַנקלען? ער וועט דאס ניט דולדן. עפּעס מוז דאַ געשען. אַט נעמט ער, שטופּט אַפּ דעם דעקל, זעצט זיך אויף אין ארון, שאַרט אוועק מיט אומגעדולדיקע הענט דעם שוואַרצן טוך, קוקט זיך ארום מיט אַ בייזן בליק פון זיינע ברעמען: „וואָס ווילט איר דא אלע? גייט אַוועק איך בעט אייך און לאַזט מיך צורו. איך האב נישט קיין צייט פאר די זאַכן, איך מוז אַרבעטן. — און ער נעמט, און שפּרייזט אריבער דעם ארון, אַרויס דורך די אָפענע טיר פון „טהרה היכל״, אהין צום אָפענעם קבר, באַפעלט, מיט א מאַך מיט דער האנט, די קברנים אוועקצוגיין, און לאָזט זיך אראָפּ מיט אַ פּאַכמעניש־געניטן שוונג אין קבר אריין, קוקט זיך נאכאמאל אום בייזלעך ברומעדיק: איך בעט אייך, שטערט מיך נישט, איך מוז אַרבעטן. — און פאַרציט דעם פאָרהאַנג איבערן קבר, ווי איבערן פענסטער פון זיין אַטעליער אויבן, ווען די זון אין קעגנזינגטאָן שיינט צו שטאַרק.

און דאס ערשטע מאל אין לעבן מיט אזא פאַרצווייפלטער ליידנשאַפט זיך געווונשן, איצט כאָטש אויף איין מינוט, צו קאָנען גלויבן, אז דאס לעבן גייט דאָרט ווייטער אָן, וואָרים, אַזוי אָן דעם, איז דאָך נישט מעגלעך אַוועקצוגיין פון קבר, צוריק ארויס דרויסן אין זונשיין אריין און יאַנקלען דא איבערלאָזן.

און מיטאמאל, מיט אן אייזיקן גליוועך, ביז אין די לעצטע טיפענישן פון אלע רמ״ח אברים, דערפילט דעם גאַנצן אומגעהייערליכן פארנעם פון אומברחמנותדיקייט.

## יעקב י. מייטלים

# אויפן קבר פון א פריינד

(צום טויט פון יאַנקל אדלער)

עס איז שווער צו שרייבן וועגן א נאָנטן א פריינד, בעת דאס פרישע קבר האט זיך קוים וואס פאַרמאַכט, בעת דער צער שטורעמט נאָך אזוי פרישצאַפּלדיק אין דער ברוסט, בעת דער שמערץ איז נאָך אזוי טיף אין דאס הארץ מורא׳דיק צעווייטיקט.

זיינען טאַקע מיינע עטלעכע שורות אין איצטיקן מאמענט, געשריבן אונטער דעם שווערן איינדרוק פון דער גרויסער אבדה, נישט אויסן צו געבן א וועלכע ס׳איז אפּשאַצונג פון דעם מאָלער און קינסטלער יאַנקל אדלער.



גיכער זאלן דאס זיין א פאר פּערזענלעכע ווערטער וועגן דעם פריינד, ווי איך האב אים געזען און געקענט אי אלס מענטש און אי אלס קינסטלער.

דוקא פאר אים, פאר אדלערן, איז נישט קאָנטראָלירטער שמערץ, א ווילדער אויסברוך פון צער אדער ליידנשאפט געווען עפּיס נישט־עסטעטישעס, געשמעקט מיט ביליקייט און סענטימענטאלישקייט. מיט זיין גאַנצער צעגליטער נשמה האט ער פיינט געהאַט דאס צעיאַכמערטע אין דער היסטעריע. ר׳איז תמיד אנטלאפן פון דער שאבלאָנע, פון דעם אנגענומענעם, קאזיאָנעם נוסח און געזוכט אן אייגענעם דרך, אן אייגענעם פארם. קיינער אפשר ווי אדלער, האט געקענט אזוי ליידן און פארבייסן דערביי די ליפּן און שווייגן, אויב שוין יא צער און יסורים, דעמאלט האבן זיי געמוזט ווערן פילטרירט דורך דעם ספּעקטרום פון זיין שארפן אינטעלעקט. דארט האבן זיי אדורכגעמאכט כל המיני גלגולים, געווארן גערייניקט, פארטיפט, אויף דאסניי געפורעמט ביז זיי האבן בעקומען זייער תקון.

ער, דער מייסטער פון דער קלארער אפט שטרענגער פארם, פון דער שארפער, קאנטיקער ליניע, האט גארנישט אזוי ווייניק געקאנט פארטראגן ווי אומבאהערשטקייט, צאפּלדיקע אויסדרוקלאזיקייט און כאאטישקייט פון געפיל און געדאַנק. פּאָזיטיווע שאפערישקייט קען נישט און טאר נישט זיין נעפּעלדיק און פורעמלאז. זי מוז האבן די קאנטראל פון שאפנדיקן אינטעלעקט, וואס פורעמט זי אויס, געשטאלט זי אין מאכט פון איר א גאנצע שלמותדיקע כלי.

אין פּרט פון קונסט איז אדלער געווען א קנאי. געקעמפט פאר איר ריינקייט און זויבערקייט, זיך נישט געלאזט פארפירן פון ביליקע עפעקטן. ער אליין האט געארבעט על טהרת הקודש. קונסט איז ביי אים געשטאנען העכער ווי אלעס פערזענלעכע, אפילו ווי ער אליין. מאלן איז פאר אים געווען אן עבודה און ער איז צו איר צוגעגאנגען מיט א מין „בדחילו ורחימו״, ווי אמאל די כהנים אין די אלטע טעמפּלען. עס איז געווען אין דעם עפּיס פון א התבטלות פון דער אייגענער פּערזאן, וואס האט געפונען אין דער קונסט איר זין און אויסדרוק. געשלאסנקייט, אויסגעגליכנקייט, קלארקייט און ריינקייט פון דער טעמאטיק, א שארף אויג פאר פּערספּעקטיווע, זיינען געווען ביי אים וויכטיקע שטאפּלען אויף זיין שווערן, מי־פולן וועג אלס יידישער קינסטלער.

אדלער איז געווען אן אינטעלעקטואל, א דיסציפּלינירטער און שווערער ארבעטער. ער האט זיין מאלעריי גענומען זייער ערנסט און זיך נישט געלאזט לייכט באפרידיקן. ער איז געווען א מענטש פון א טיפער קולטור און א ראפינירטן געשמאק. ער האט נישט נאר וויזועל געזען, נאר אויך געמאלט אינטעלעקטועל פארשטיין, נישט נאר שאפן, נאר אויך לייזן. זיין אנאליטיש־קריטישער מוח האט תמיד געזוכט נייע פראבלעמען. וואס ער האט מייסטערהאפט ארויסגעבראכט אין פארמען און קאמפּאזיציעס און אין דעם קאנטראסטןשפּיל פון שאטן און ליכט.

זייענדיק טיף פארווארצלט אין יידישן לעבן, איז אדלער אין זיין טעמאטיק און זיין צוגאנג צו פראבלעמען דורך און דורך יידיש. די קאטאסטראפע

פון די לעצטע יארן האט אים תהומותדיק אויפגעטרייסלט און גרונטיק באאיינפלוסט זיין שאפן. זיין נשמה איז געווארן באהערשט פון א מיסטישער, טיף פארבארגענער אומרו און שרעק. איינע פון זיינע לעצטע קאמפאזיציעס „מאידאנעק” איז אן דערשיטערנדיקער אויסגעשריי פון מורא׳דיקער שרעק און אן אפאקאליפטישן קאשמאר. די אלטע, יידישע וועלט ליגט אין חורבות, געשענדעט איר הומאניטעט און צוטראטן פון די בארבארן. איז דאס הארץ פון קינסטלער צעריסן, צעווייטיקט, איינגעהילט אין טרויער און זוכט א תקון.

הויבן זיך אבער אן צו באווייזן אין מזרח שפראצונגען פון א ניי יידיש לעבן, גייט דארט אויף א נייע, ליכטיקע זון. דארט אהין האט עס גענומען יאנקל אדלערן ציען. דארט האט ער איצט געזוכט זיין גייסטיקן און קינסטלערישן תקון. מיט טיפן אינטערעס האט ער לעצטנס פארפאלגט די געשעענישן אין דער יידישער מדינה, און קנאפע פערצן טעג פאר זיין טויט האט ער צו מיר מיט א סך ווארימקייט גערעדט וועגן זיין פלאן יעצט דארט אהינצופארן, כדי אויסצוגעפינען נייע פארמען, א נייעם צוגאנג צו די פראבלעמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט. איז זיין לעבן געווארן איבערגעריסן אין סאמע פרוכטבארן מיטן, נישט זוכה געווען צו דער עליה פאר דער עלית נשמה.

## יענקל אדלער און די מאָדערנע מאַלעריי

יענקל אדלער געהער צו יענער פליעיאדע געציילטע קינסטלער פון אונזער דור, צו די באשאפער פון דער מאדערנער מאלעריי. יענקל אדלער געהער אין דער ריי פון מאטיס, פיקאסא, בראק, קלע, קאנדינסקי, און פון אונזערע יידישע ווי א שאגאל, א מאדיליאני א.א. די באשעפער פונם עקספרעסיאניזם און קוביזם.

עס איז פארשטענדלעך דער קאמף פון די בירגערלעך־עסטעטישע קרייזן געגן די נייע פארמען אין דער קונסט, און אויך פון יענע מאלער־מייסטער, וואס גייען אינם דרך־המלך פון וואלאסקעס און טיציאן — עס איז אויסגעטרעטענער גלאטער וועג און עס איז דא אויף וואס צו קוקן מיט פארגלייזטע אויגן.

אבער האבן דען נישט די עקספרעסיאניסטן געהאט אדורכצומאכן דעם זעלבן געראנגל, ביז אונזער אויג האט זיך צוגעוווינט צו זייערע פיינע ניואנסירונגען און אנגעהויבן צו דערשפירן און צו געניסן דאס וואונדערלעכע שפילן פון זייערע פרעכטיקע פארבן וואלן; ביז אונזער מעכאנישע אויג־לענזע האט גענומען מיטטאנצן אין זוניק־הערלעכן שפיל פון ליכט און שאטן?

און ווער צווייפלט דען היינט נאך אין דער גרויסקייט פון א מאנע, א רענואר, א דעגא, א פיסארא, צי אפילו אין א וואן גאך און א סעזאן?

און די צוויי לעצטע גרויסע און פון אלעמען שוין אנערקענטע מייסטער אין דער מאלעריי, זיינען דאך דער גרויסער געוואגטער שפרונג אין דער מא־



דערנער קונסט: דער ערשטער צום עקספרעסיאניזם און דער צווייטער צום קוביזם.

איז אויב ביים קריסטלעכן קונסט־עסטעט, ביי אידעאפעאיש נישט־יידיש־בירגערלעכן עס קומט אן א ביסל שווערלעך דער איבערגאנג פון דער קירכלעך־קלאסישע מאלעריי און בירגערלעכן קלאסיציזם צו דער מאדערנער פארם, איז עס גאנץ פארשטענדלעך. דער געוואלטיקער שפרונג פון א שטילע פרעציז־אויסגעארבעטע פערספעקטיוו, א רונדיק אויסגעטאקטע רעאלישע מאדאנע צו דער פלעכן־איינפאכקייט פון א מאטיס פארטרעט, פון א טעכניש מייסטערלעך אויסגעפירטן לעאנארדא קאמפאזיציע צו פיקאסאס „גוערניקא” עס איז דער געוואלטיקער שפרונג פון דער מיטלאלטערלעכער דערפינדערישער טעכניק־פארמען צו די קאמבינאציע קאנסטרוקציעס פונם 20־טן יאר־



בילד — יענקל אדלער

דער קאמף קייגן מאדערנער פארם איז גאנץ פארשטענדלעך פארן נישט ייִדישן אויג, צוגעוווינט זייט טויזנטער יארן צו דער קלאסישער פארם! אבער ביי אונז ייִדן, מיט עסטעטישע נטיות צו קונסט, וואס אונזער וועג הייבט זיך ערשט אן מיט אן אפענהיים, איזראעל, פיסארא, ליבערמאן, הירשנבערג, אונזער שווארץ־אפל האט זיך דאך נישט געטובלט אין דער קירכלעכער מאלעריי... און די קלאסיציסטן אונזערע, אין דער פארם פון אן אפענהיים און דעם יונגען איזראעל, זיינען דאך באמת נישטיק קייגן דעם גרויסן פארמעסט פון אונזערע ייִדישע אימפּרעסיאניסטן און זייער דור, פריער און אצינד מיטן עקספּרעסיאניזם און קוביזם, וואס צו זייערע מיטבאגרינדער געהערט מארק שאגאל צו לאנגע יאר און אויך, אן שום ספק, דער אצינד פארשטארבענער יענקל אדלער.

און נאך איינס, פארוואס מיר, ייִדן, זיינען אויך מער נוטה צו די מאדערנע פארמען, — אחוץ וואס דאס קאמבינאטארישע און עקספּערימענטארישע ליגט אין ייִדנס טבע! — זיינען אויך די מאדערנע פארמען פון אזא נאטור, וואס שטויסן זיך נישט אן אין אונזער טראדיציע. און דער ייִדישלעכער חוש פאר טראדיציע איז נישט ווייניקער ווי די צוגעוווינטע חוש הריאה. דער לאו פון „לא תעשה לך פסל“, איז לגמרי נישט חל אויף די עקספּרעסיאניסטישע קוביסטישע צעטיילטע און צושטיקלטע פארמען, — מעגלעך אז די מאזאאיקישע קונסט, וואס איז ממש דער טאטע פונם קוביזם, איז טאקע ארויסגעגאנגען פון דעם ביזאנטיניש־טראדיציאנעלן שטאנדפונקט — מער וועגן דעם האב איך געשריבן אין מיין ארבעט איבערן עקספּרעסיאניזם.

און אויב מיר וועלן סוף כל סוף דערגרייכן אן אייגענע ייִדישע קונסט און ייִדישע פארם (יעצט מיט מדינת ישראל זיינען די מעגלעכקייטן א סך זיכערער), וועט זי זיכער זיין אין די אלטע נעגערישע ביזאנטינישע פארמען; איז דאך דאס התלהבותדיק־עקספּרעסיאניסטישע, דאס קוביסטיש־עקספּערימענטארישע א סך נענטער אונז ייִדן ווי דאס קלאסיש רואיקע, ווי דאס קלאסיציסטיש־בידערמייערישע. — פון דעם פארלאנג אליין צו דערגרייכן אמאל אן אייגענע ייִדישע קונסט־פארם, — נישט נאר בלויז א ייִדישלעך טעמאטיש וויזועל־בילד, נאך גרויסע אייגענע פארם פון ייִדישע אינערלעכע וויזיע! — מוז דאך אונז שוין זיין נאנט און אייגן די מאדערנע קונסט.

ווארים איז דען נישט אונזער גאנץ, אזוי צו זאגן נאטירלעך זען, אן אפּטישע טוישונג, א צוגעוווינטע זאך צו אונזערע מענטשלעכע יכולתן, צוגעפאסט צו דער מאבענאציע פון אונזער אויג־לינזע? זען דען נישט די אינזעקטן און די חיות די חפצים ארום זיך גאנץ אנדערש ווי מיר זען זיי, די חפצים ארום אונז — פּערספּעקטיוויש צוגעפאסט צו דער גרויס און געשטעל פון אונזער קערפּער־געבוי? איז דען די זון אזא אויסגעטאקט קיילעכדיק רעדעלע ווי אונזער אויג זעט זי? דער פּערספּעקטיוו פון די מיליאנען מיילן האט דעם באוועגלעך פלאמיקן פייער שפּייענדיקן פלאקער אזוי פּריזמאטיש אויסגעטאקט פאר אונזער אויג.



די לבנה, וועלכע איז נענטער אין מהלך, צו אונז, בעטן מיר שוין אז גאט זאל ממלא זיין אירע פגימות... אונזער אטאמישע צייט האט זיכער קאנדינסקי שוין פאראויסגעפילט מיט זיינע אויפגעריסענע פלאקער פארבן און פאר אונזערע רעאל געזעענע חפצים, די אנגעטאפּטע כלים, די שטיל־לעבנס, זוכט בראק די אבסאלוטע קאנטורן.



בילד — יאנקל אדלער

מאטיסנס ליכטיקע פלעכן און פּיקאסאס קוביסטישע־קאנסטרוקציעס, פארבינדט אדלער מיט בראקישע קאנטורן קאמבינאציעס. יענקל אדלער, איינער פון אונזערע געציילטע מאדערנע ייִדישע קינסטלער, וואס האט אנגעהויבן זיינע ערשטע בילדער מיט א געזונטן ווייסנבערג־רעאליזם, האט א האלב לעבן זיינעם קאמבינירט און עקספּערימענטירט אנצופילן די קלאסישע שטילקייט מיט ייִדישע עמאציעס, צו געבן איר אייגענע ייִדישע פארם. זיינע עקספּערימענטן די לעצטע יארן זיינע דא אין לאנדאן פירן צו נייע קינסטלערישע דערגרייכונגען און אויפטואונגען — ער האט קאמבינירט מיט קאנטורן און פלעכן ווי א מיסטיקער מיט צאלן און גמטריאות און ער האט אין מאנכע לעצטע בילדער ארויסבאקומען א גרויסע מוזיקאלישע שטילקייט און צימצומדיקע רואיקייט.

עס איז אַ גרויסער צער וואָס די אַרבעט איז אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן;

דער קינסטלער קאָמבינאַטאָר און קאָנסטרוקטאָר פון „שבירת הכלים", — דער קבלה׳יסטישער אויסדרוק, מיין איך איז דער אייגנטלעכער יסוד און סוד פונם קוביזם און דערפאַר אַן אייגענער ייִדישער, — איז אינמיטן זיין גרויסער און שווערער אַרבעט אַליין צעבראָכן געוואָרן. אָבער זיינע באַמיאונגען און דערגרייכונגען וועלן בלייבן אַ חשובער צושטייער פאַר דער נייער זיך שאַפנדיקער ייִדישער פאָרם אין דער מאָדערנער מאָלעריי.

ש.

## מאַרקס כהן

## פאַרלוירן אַ כלה מיט צען טויזנט רובל נדן*

עס האָט פּאַסירט אין 1898סטן יאָר. איך האָב דאַן געאַרבעט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איינע פון די גרעסטע שטעט אין דער אוקראַינע, וואָס געפינט זיך ביים דניעפּער.

איז צו מיר צוגעקומען אַ מיטליאָריקער ייִד פון אַ שטעטל מיטן נאָמען באַכמוט, נישט ווייט פון יעקאַטערינאָסלאַוו, און זאָגט מיר, אַז זיי האָבן דאָרט אויסגעבויט אַ נייע שול, און ער האַלט דאָרט אַ מעבל־געשעפט. האָט מען ביי אים באַשטעלט צו מאַכן דעם ארון־קודש און דעם בעלעמער און די איבעריקע אויסשטאַטונגען, וואָס אַ שול ברויכט. „און די קהלה וויל האָבן אַזאַ ארון־קודש, ווי דאָ ביי אייך אין דער קאַזאַנסקער שול". און אַזוי ווי מען האָט אים געזאָגט, אַז איך האָב אים געשניצט, וויל ער, אַז איך זאָל אויך אָננעמען צו שניצן זייערן, און מיטפאָרן מיט אים און איינשטיין ביי אים אין הויז.

און ער פאַרזיכערט מיר, אַז איך וועל זיין העכסט צופרידן.

צו שניצן אַן ארון־קודש איז ביי אונז שניצערס געווען די גרעסטע אַמביציע; אַזאַ בכבודע אַרבעט.

געוויינלעך, איך האָב זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, בפרט, אַז איך האָב נאָך געהאַט אַלע צייכנונגען פון די לייבן און לוחות און די קרוין און די איבעריקע שניצונגען און אויך די גאַנצע צייכנונג פון ארון־קודש, וואָס עס וועט מיר איינשפּאָרן פיל צייט.

איך האָב אים געזאָגט וויפיל איך וויל פאַר דער אַרבעט און ער האָט באַלד מסכים געווען.

די אַרבעט איז געווען אין גאָטישן סטיל, אויף וועלכן איך בין געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט, אַרבעטנדיק אַ לאַנגע צייט אויף קלויסטער־אַרבעט. אויך בין איך געווען באַרימט מיט שניצן פיגורן אין זייער פולער גרויס, שניצנדיק תמיד די אַלע מלאכים און הייליקע אין די רוסישע קלויסטערס.

* אַ קאַפּיטל פון זיין מעמואַרן־בוך, וואָס דער באַקאַנטער לאָנדאָנער האָלץ־שניצער מאַרקס כהן, האַלט איצט אין שרייבן.



הכלל, איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערלויבן צוויי טעג, ביז איך וועל אַלץ באַזאָרגן; און דאַן פאָר איך מיט אים.

ער האָט אויף מיר געוואָרט. דערווייל האָט ער איינגעקויפט געוויסע מאַטעריאַלן און נאָך איניקע זאַכן, וואָס זענען דאָ געווען לייכטער צו קריגן, ווי ביי זיי אין שטעטל.

איך האָב אַלץ דערלידיקט. אויפן דריטן טאָג זענען מיר אַוועקגעפאָרן. די רייזע האָט געדויערט דריי שעה. איך בין פאַרפאָרן צו אים. אַזוי האָט ער פאַרלאַנגט. עס איז געווען אַ זער שיינע וואוינונג. האָבן געהאַלטן אַ דינסט מיט אַ קעכין; האָבן זיך אָנגעזען פאַרמעגלעכע מענטשן. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

מען האָט מיר געגעבן אַ גאַנץ שיינעם צימער. ווו איך האָב אויפגעהאָנגען מיינע קליידער און אויך אַוועקגעלייגט מיינע איבריקע זאַכן.

דער בעל־הבית שטעלט מיך פאָר פאַר זיין פרוי, וועלכע איז מיר נישט געפעלן. עס קאָן זיין, אַז איך האָב געפילט, אַז זי וועט מיר קיין גוטס נישט טון...

אַזוי ווי עס איז געווען מיטאָג־צייט, האָבן מיר זיך געוואַשן צום עסן און זענען אַריין אין עס־צימער, ווו עס איז געווען אַ שיין־געדעקטער טיש. און איך האָט נישט געפעלט קיין ביסל בראָנפן.

מיר האָבן געמאַכט אַ לחיים און געווונטשן, אַז עס זאָל זיין מיט מזל. ער זאָגט אויך דער קעכין ווער איך בין.

מיר האָבן געהאַט זער אַ גוטן וואַרעמעס מיט פאַרבייסן, אָפּגעבענטשט, און זענען אַוועק אין דער נייער שול. דאָרט האָבן שוין סטאָליאַרעס געאַרבעט. ער שטעלט מיך פאָר, אַז איך בין דער שניצער, וואָס האָט געשניצט דעם ארון־קודש אין דער קאַזאַנסקער שול אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

איך האָב דערווייל אויסגעקליבן אַ פּלאַץ, ווו מען זאָל שטעלן מיין וואַרשטאַט, און זיי געוויזן ווי אַזוי אים צו מאַכן. איך האָב אויסגעקליבן האָלץ, וואָס איז געווען גוט צום שניצן, און מיר זענען אַוועק צום גבאי. ער שטעלט מיך ווידער פאָר.

עס ווייזט אויס, אַז איך געפעל אים. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן אַ שענק, האָט ער אונז מכבד געווען מיט אַ גוטן לחיים און מיך געבעטן, אַז איך זאָל נישט בלייבן פרעמד און צו אים אָפט אַריינגיין.

מיר זענען נאָכהער אַוועק צום רב. אויפן וועג זאָגט מיר מיין בעל־הבית, אַז דער גבאי האָט אַן איינציקע טאָכטער, אַ גאַנץ ווויל מיידל, און וויל געבן צען טויזנט רובל נדן.

מיר זענען אָנגעקומען צום רב, און ווידער אַמאָל מיך פאָרגעשטעלט און אים געזאָגט ווער איך בין, און לויבט מיך וואָס פאַר אַן אָרנטלעכער ייִדישער יונגערמאַן איך בין און וואָס פאַר אַ קינסטלער איך בין. פאַרשטענדלעך, איך האָב זיך אַביסל פאַרשעמט.

דער רב האָט מיר געווונטשן, אַז עס זאָל זיין מיט מזל, און מיר זענען

אַוועק.

אויפן וועג האָט ער מיך פאַרגעשטעלט פאַר נאָך בעלי־בתים און זיי ערקלערט ווער איך בין. איך באַטראַכט דערווייל דאָס שטעטל. וואָס געפעלט מיר.

עס איז געוואָרן מנחה־צייט. מיר זענען אַריין אין שול כאַפּן אַ קדושה. אָפּגעדאַוונט מנחה און געוואַרט אויף מעריב. אין צווישן צייט האָט ער געזאָגט די יידן ווער איך בין. זיי האָבן מיך בעטראַכט מיט דרך־ארץ. מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב און זענען אַוועק אַהיים.

דאָרט איז שוין דער טיש געווען געדעקט פאַר וועטשערע. מיר האָבן אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט און אַביסל פאַרבראַכט; געטרונקען טיי און ענדלעך געגאַנגען שלאָפן.

איך האָב געהאַט זער אַ גוטן געלעגער.

אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אָפּגעדאַוונט. דער בעל־הבית איז אַוועק אין שול. איך האָב געהאַט אַ גוטן אָנבייסן, אָפּגעבענטשט, גענומען איניקע שטיקלעך געצייג און אַלע צייכנונגען און מיין כאַלאַט, וועלכן איך טראָג ביי דער אַרבעט און בין אַוועק אין דער נייער שול. איך האָב געוויזן די סטאָליאַרעס ווי אַזוי זיי זאָלן צוגרייטן דאָס האָלץ אויף צום שניצן.

נייגעריקע יידן זענען געקומען זען ווי אַ שניצער אַרבעט. איך האָב זיי דערקלערט אַז עס וועט נאָך געדויערן איניקע טעג ביז זיי וועלן קענען עפּעס זען.

הכלל, עס איז מיר גוט. וואָס בעסער קאָן גאָרנישט זיין.

איך שניץ דעם ארון־קודש, גיי אָפּט אַריין צום גבאי, פאַרברענג מיט זיין טאָכטער און זינג דאָרט יידישע און רוסישע לידער. באַגלייט אויף מיין גיטאַר, פון וואָס זיי זענען זער צופרידן און קענען זיך גאָרנישט אָפּלויבן.

אין שטעטל גייט שוין אַרום אַ קלאַנג, אַז דער שניצער, וואָס שניצט דעם ארון־קודש גייט ווערן אַ חתן פאַר דעם גבאי׳ס טאָכטער.

און די קעכין מאַכט מיר זער גוטע מאכלים, אַזוי ווי דער בעל־הבית האָט איר געבעטן. מיר איז גוט ווי די וועלט.

נאָר די בעל־הבית׳טע האָט אין זיך געהאַט אַ שוואַכקייט צו עסן אַ גאַנצן טאָג און זיך האַלטן אין איין באַקלאָגן, אַז זי האָט נישט קיין אַפּעטיט.

די קעכין, וועלכע האָט פאַר איר געהאַלטן אין איין באַקן און בראָטן פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. זי איז איר געגאַנגען אויף אירע נערוון, און צוויי וואָכן פאַר פסח האָט זי אונז איבערגעלאָזט און איז אַוועק. מיר זענען געבליבן אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

מילא, איך מיטן בעל־הבית אָן די דינסט זענען נאָך ווי עס איז דורכגעקומען. נאָר אויף דער בעל־הבית׳טע איז, נעבעך, געווען אַ צער בעלי־חיים. זי איז געווען מאַכטלאָז. האָט, נעבעך, נישט געקענט טאָן קיין הויז־אַרבעט. פשוט, ווי מען זאָגט, „אַ קאַץ אָן עק פאַרבונדן"; און זיך אויפגעהערט צו קלאָגן, אַז זי האָט נישט קיין אַפּעטיט.

נאָר דער אויבערשטער האָט געהאָלפן. צוויי וואָכן פאַר פסח האָבן מיר



אַריינגעקראָגן אַ נייע קעכין. גאָרנישט קיין מיאוס מיידל און אויך נישט קיין אַלטע. נאָר אַביסל אַ דיקלעכע. זי האָט נאָך געקאָנט בעסער קאָכן פון דער ערשטער. הכלל, מיר איז ווייטער גוט.

דער בעל־הבית האָט איר געזאָגט ווער איך בין און האָט איר אויך געזאָגט, אַז אויב די בעל־הבית׳טע וועט זיך באַקלאָגן, אַז זי האָט נישט קיין אַפּעטיט, זאָל זי זיך נישט מאַכן וויסנדיק, ווייל עס איז איר פאַרבליבן פון עפּעס אַ קרענק.

זי טוט וואָס דער בעל־הבית האָט איר געהייסן און גיט אויף מיר אַכטונג נאָך בעסער ווי די ערשטע.

הכלל, מען האָט צוגעגרייט זער אַ שיינעם פסח, מיט די בעסטע וויינען און משקות, און אויך האָט נישט געפעלט קיין אינדיק.

מיר האָבן געפּראַוועט זער שיינע סדרים. איך האָב שיין געזונגען די הגדה, אַ שטימע האָב איך געהאַט אַ גוטע, און די בעל־הבית׳טע מיט דער נייער קעכין האָבן פון מיר אָנגעקוואָלן.

נאָכן צווייטן סדר האָט מיר ביינאַכט זער גענומען דורשטן. אַז איך האָב פשוט נישט געקענט איינשלאָפן. צי עס איז געווען פון די גוטע מאכלים צי פון די שטאַרקע געטראַנקען, ווייס איך נישט.

איך בין שטילערהייט אַרויס פון מיין צימער, דורכגעגאַנגען זער פאַרזיכטיק דאָס עס־צימער, אַז איך זאָל, חלילה, קיינעם נישט אויפוועקן. איך בין אַריין אין קיך, וווּ דאָס וואַסער געפינט זיך. און דאָרט איז זיך געשלאָפן די נייע קעכין! איך האָב, פאַרשטייט זיך, אַכטונג געגעבן, אַז איך זאָל זי חלילה נישט אויפוועקן.

נאָר גייענדיק צוריק, האָב איך זיך אין עס־צימער אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און אַראָפּגעשלעפּט דאָס טישטוך פון טיש און אַלץ, וואָס איז געווען אויפן טיש. עס איז געוואָרן אַ קלאַפּעריי אין מיטן דער נאַכט און אויפגעוועקט דעם בעל־הבית מיט דער בעל־הבית׳טע, און זיי זענען אַריינגעלאָפן אין עס־צימער נישט טויט נישט לעבעדיק; גוט איבערגעשראָקענע, געמיינט גאָט ווייסט וואָס און גענומען פרעגן וואָס עס איז געשען.

איך זאָג זיי, אַז מיר האָט זער געדאָרשט און איך בין געגאַנגען נעמען אַביסל וואַסער; איך בעט זיי זיי זאָלן מיר אַנטשולדיקן וואָס איך האָב זיי געשטערט דעם שלאָף.

רופט זיך אָפּ די בעל־הבית׳טע צום בעל־הבית:

— אויב דו ווילסט, קענסטו אים גלויבן, איך — נישט!

און זיי זענען צוריק אַוועק.

מיך האָט די פּאַסירונג שטאַרק פאַרדראָסן. איך בין די נאַכט שלעכט געשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי פרעגט מיך דער בעל־הבית צי עס איז אמת וואָס זיין פרוי זאָגט אויף מיר. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, און אים פאַרזיכערט, אַזוי גוט ווי געשוואוירן, און ער האָט

מיר געגלויבט און איז אוועק דאַווענען.

איך האָב אָפּגעדאַוונט און געזעצט זיך עסן אָנבייסן. קומט אַריין די בעל־הבית׳טע און נעמט מיך מוסרן, אַז איך דאַרף זיך שעמען צו פירן אַזוינע געשעפטן אין דער צייט, ווען איך שניץ דעם ארון־קודש.

וויפיל איך האָב איר דערקלערט, אַז איך ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, אַז זי האָט אַ טעות און האָב זיך אַזוי ווי געשווירן, האָט עס נישט געהאָלפן. זי האָט מיר נישט געגלויבט.

בקיצור, איך שניץ דעם ארון־קודש, גיי אָפּט צום גבאי, און די בעל־הבית׳טע האַלט מיך אין איין שטראָפן; און די נייע קעכין האַלט אין איין ווערן דיקער און דיקער.

איינמאָל פרעגט מיך די בעל־הבית׳טע וואָס וועט זיין דער סוף? זי וועט נישט דערלאָזן אַזאַ סקאַנדאַל אומגליקלעך צו מאַכן אַן אָרים קינד. „איך וועל דאָס לאָזן וויסן דעם גבאי מיט דער גאַנצער קהלה. אַזאַ סקאַנדאַל! אומגליקלעך געמאַכט, נעבעך, אַן אָרים קינד! איך וועל דאָס אויך לאָזן וויסן דעם רב!“

איך האָב שוין פאַרלוירן מיין געדולד און געזאָגט:

— טוט וואָס איר ווילט! — און בין אַוועק צו דער אַרבעט.

איך קום איינמאָל אַריין צום גבאי, מען קוקט אויף מיר קרום, מיט ביטול, און די טאָכטער באַגעגנט מיך נישט ווי תמיד. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען.

איך, האָבנדיק די אייגנשאַפט, אַז אויב מען האָט מיך נישט גערן, וויל איך אַפילו פון יענער געגנט.

נאָר שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז עס גייט אַרום אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז דער שניצער, וואָס שניצט דעם ארון־קודש, שניצט נאָך עפּעס אויך... האָב איך שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט מיך ביים גבאי אַזוי קאַלט אויפגענומען.

אַזוי ווי איך האָב אויפגעהערט צו גיין צום גבאי, איז זיין טאָכטער געוואָרן אַ כלה פאַר אַן אַנדערן.

נאָר אין קאַרגע פינף חדשים אַרום איז די קאַץ אַרויס פון זאַק; די נייע קעכין איז געלעגן געוואָרן מיט אַ בעל־הבת׳ישן יינגל. עס איז געווען אַ געראָטן קינד.

מען האָט געמאַכט אַ ברית. און אַזוי ווי די בעלי־בתים האָבן קיין קינדער נישט געהאַט, האָבן זיי אים פאַרשריבן אַלס זייער קינד. און די נייע קעכין האָט געקראָגן נאָך אַן אַרבעט — צו זיין אַן אַם ביי איר אייגן קינד!

און די בעל־הבית׳טע האָט זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט פאַרוואָס זי האָט אויף מיר אויסגעטראַכט אַזאַ בלבול און געבעטן, אַז איך זאָל איר מוחל זיין; אַ רוח אין איר טאַטנס טאַטן אַריין!

איך האָב דערווייל פאַרלוירן אַ כלה מיט צען טויזנט רובל נדן. עס איז נישט אַזוי די כלה, ווי די צען טויזנט רובל!...



הכלל, אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר געענדיקט די אַרבעט, פון וואָס די קהלה איז געווען זער צופרידן. מען האָט געמאַכט זער אַ שיינעם חנוכת־הבית און, געזעגענענדיק זיך מיט די בעלי־בתים פון שטעטל, האָט מיך דער גבאי געבעטן, אַז איך זאָל אויף אים קיין פאַראיבל נישט האָבן. עס פאַרדריסט אים זער וואָס ער האָט פאַרלוירן אַזאַ נעראָטענעם יינגנמאַן. „נאָר שולדיק אין דעם איז געווען אייער בעל־הבית!“

## א „חתונה“ בשעת מגפה

### 1 דער חתן דנן

מיין ענטפער אויף אַן אָנפראַגע פון ניו־יאָרק

זייער חשובער קאָלעגע, איך בין מיך מיט דעם נפש נישט מער מטפל זייט אַ לאַנגער צייט, נישט לטובה און נישט לרעה; אַזוי ווייט אַז אַפילו, ווען אַ שרייבער שיקט מיר צו אַן אַרטיקל איבער זיינס אַ בוך, (פון יענעם מין אַרויסגעצוואונגענע „שמור לי ואשמור לך״־פריינדלעכקייטן...) דרוק איך עס אָפּ אַזוי ווי יענער האָט עס פאַרפאַסט.

איר מוזט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אייך נישט געענטפערט אויף אייער אָנפראַגע וויאַזוי איך שטיי צו אים, ווייל איך האָב נישט געוואָלט מגואל מאַכן מיינע הענט. אָבער אַזוי ווי דער נפש הייבט שוין אָן (עפּעס אין אַ „פּראָווינצער“ „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ל) פון זיין זיכערער פּאָזיציע דאָ צו אַטאַקירן און באַשמוצן די יידישע אָנגעזעענסטע חברים פון אַמעריקע אויף זיין ראַפינירט נידריקן אופן, בין איך געצוואונגען צו זאָגן מיין „מיינונג איבער אים“; איך וויל אַפילו נישט טראַכטן איבער אים, ווייל טראַכטנדיק ערנסט וועגן אַזאַ צביעותדיקע ביטערדיקייט ווערט מען אַליין נידריק און געמיין.

מען דערציילט, אַז אונזער גרויסער א. מ. ווייסענבערג האָט געזאָגט, דערזעענדיק אים אין וואַרשע; „וואָס וויל די רומענישע לויז אויפן פּוילישן פּאַרך“? מיך דאַגעגן אַמוזירט עס, דערזעענדיק אים דאָ אַרומקריכן אויף אונזער אויסגעקראַכענעם לאַנדאַנער פּליך; דאָ זעט ער זיך ערשט אַן אין זיין גאַנצער „גרויס“...

דאָס אַלץ איז מכוח אים, דעם נפש. זיין שרייבן האָט אַן שום ספק געוויסע קוואַליפיקאַציעס אָבער אָן טיפערע יידישע אָדער עסטעטיש קינסטלערישע אָריגינעלקייט, און מיט זיין גאַנצער אָנגעלעזנקייט און פּורים־שפּילערישע טריקס, און פאַלקלאָר־המצאות וועט ער קוים דערגרייכן אַ בדחניש־ראָמאַנטישע מיטלמעסיקייט.

פ.ס. איך לייען נאָכמאָל איבער די פאַרעפנטלעכע בריוו אין די אַפּריל נומערן פונם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“ און עס אַמוזירט מיך געוואַלטיק; ער וואָס פאַר אַ טראָפּן „לייטזעליקייט“ אין די גוימס אויגן איז ער קאַפּאַבל צו פאַרקויפן דעם גאַנצן יידישן כבוד; פאַר אַ טשעקל אויסגעפּאַצעוועט ביי

עפעס אַ מחותנדיק נגידל, אויסלאַכן מאַמע־לשון־יידיש מיט אונזער גאַנצער ליטעראַטור. פאַר אַ מינדסט נאָטיצל אין אַ צייטונגל טאַנצן מה יפית ביז חלשות; און פאַרראַטן אַ חבר היינט, וואָס האָט אים נעכטן אויסגעשטרעקט אַ העלפנדיקע האַנט. איז פון די קלענסטע זאַך און יעדע פאַרטייאישע „קליקע“ און יעדע „ראָץ“ איז אים גוט גענוג ווי אַ פאַרבינדעטער, כדי אים צו דינען זיין סקאַנדאַליעזער „באַרימטקייט“. — דער נפש שרייבט דאָס די מנחם־מענדלדיק געטאַקטע בריוו (דירעקט צום אָפדרוקן — דאָס שטיקל „אַרבעט“ זעט אויס, ווי צווישן אַ „גענג“...) — דער נפש שרייבט דאָס די התנצלות בריוו מיט אַ רחמנות פנים! אַ פנים זיינע שנאָרער־ און רכילות־בריוו איבער דער גאַנצער וועלט פון לאָנדאָן דאָ. אַז אָט־אָט שטאַרבט ער פון הונגער, גייט אויס פון נויט, גענוגן אים שוין נישט, אים, וואָס אויף ציגאַרלעך און בראָנפן גייט מער אַוועק ווי אַ גאַנצע פאַמיליע אויף פרנסה.

וואָלטן מיר דען נישט געקאָנט האָבן, מיר אַלע דאָ אין לאָנדאָן, אונזער שטיקעלע ברויט בכבוד גדול, ווען מיר אַרבעטן צוזאַם ביי אַ זשורנאַל און דער זשורנאַל זאָל אויך האָבן אַ לייטישן אויסזען, ווען אָט־אָ דאָס נפש פאַראומריינִיקט נישט און באַשמוצט דאָס ביסעלע וואָס איז דאָ. אַז מען מוז זיך שוין ממש אַננעמען מיט הארץ און מיט די לעצטע ביסל כוחות, כדי צו שלעפן די יידישע שיימעס בויד טרויריק און מיד... דאָס איז דאָך די פסיכאָלאָגיע פונם שכורן שינדער, צו צעברעכן די בויד, הרגענען דעם בעל עגלה און דאָס בידנע פערדל; ער וועט דאָך נאָך אַלץ האָבן מער אויף זיין אייגענעם חלק פון די אָפגעשונדענע פעל בלויז פונם טויטן פערדל...

מיר זענען גרייט געווען צו צודעקן אונזער צרה און אונזער חרפה, זי איז דאָך אונזער — און אויך דאָס האָט ער געוווסט אויסצונוצן ביזן ביין! — אָבער אַז אונזער שוואַכקייט זאָל ווערן די זיכערע פּאָזיציע פאַר שטינקבאָמבע־בריוו איבער אַנגעזעענסטע חברים מעבר לים און זיי זאָלן נאָך דאָרטן געפינען „זשורנאַלן“ פאַרעפנטלעכט צו ווערן — מוז מען רעאַגירן!

## 2  דער עומד מצד החתן

דעם עומד מצד החתן קען איך; פון זיינע אהובי ידידי בריוועלעך און אַרטיקעלעך, וואָס ער פלעגט כסדר צושיקן; פון אַ בוך, וואָס איז מרעיש עולם מיט זיין קאָפּ אַליין שוין, און פון די עקסטרע אויפלאַגע פון לאַנגע רעצענזיעס איבער זיך, וואָס ער פלעגט אַ פאָר מאָל צושיקן, ווייל ער האָט געמיינט אַז כ'האָב זיי נישט דערהאַלטן ס'ערשטע מאָל.

ברידערל, האָב איך מיר געטראַכט, אַז דו שפּאַרסט שוין אָן אין „לשון און לעבן“, קיין וויטשעפּל, און דו מוזט שוין שטענצלען חנפענען איבער זיין גרויסער דיכטונג, וואָס ער שרייבט, איז די בראָך שוין פאַרטיק... מילא, האָב איך געדענקט, שלעק זענען אומעטום פאַראַן, נישט נאָר אין אונזער מדינה. און איך האָב געדרוקט אַזאַ אומשולדיק שמאַלציק אַרטיקעלע (ס'זיינען פון די אַרטיקעלעך, וואָס דער שרייבער מיינט, אַז ער מוז אַלץ צו טון נאָך אַ ביסעלע שמאַלץ, וועלן זיי אַ בעסערן טעם האָבן און אַז דער נאַאיווער „ליבער“ לעזער



פאַסמאַקעוועט זיך מיט דעם מין טשאָלענט־קיגל. טאָ זאָל עס אויך זיין פאַררוקט ערגעץ אין אַ ווינקל פון „לשון און לעבן“.) אָבער אַ קוק טוענדיק, נאָך די לאַנגע „געוואַלטיקע“ רעצענזיעס אין דעם דיקן בוך האָט ווי געטון, נישט נאָר פאַרן מחבר נאָר אויך פאַר די רעצענזיע שרייבער.

און ס'איז נאַטירלעך אַז אין אים, אין דעם שרייבער האָט דאָס דער „גרויסער“[*] און „גרעסטער“, דער ערשטער באַלד נאָך פרצן, געפונען זיין „בעסט מען“... ער האָט דאָך מסתמא אויך באַקומען אַזעלכע אהובי ידידי בריוולעך פון אים און די עקסטרע אויסגאַבע פון די רעצענזיעס, האָט ער אים געקרוינט פאַר זיין „גענג“־פירער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ער האָט זיי אומעטום — אַז אָך און ווי צו די שטרויענע „גענגסטערס“... און אָט דער ראש הבריונים זיינער פאַר U.S.A. איז דאָס טאַקע דאָס שוואַכע סענטימענטאַלע פליגעלע, וואָס טונקט זיך אין אַ טראָפּן צוקער־וואַסער און האַלט זיך אין איין באַלעקן מיט וואָן גאַכישע פאַרבן און בעטהאָוואַנישע מוזיק — ביז צום איבלען ממש; און ווען נישט מסתמא אַ פאָר שרייבער, — ווי מיר דאָ דעם חתן דנקֿ[*] ביז ער האָט זיך געשטעלט אויף די שוואַכע רגלים און געגומען טרעטן, — וואָלטן נישט אונטערגעשטעלט דאָס שטרויעלע אַפּצוטרייקענען זיינע פיס וואָלט ער דאָך שוין לאַנג געווען אויסגעהויכט זיין מאָראַליש־עטעריש זון־שטראַלנדיקע קאַמישע — כ'מיין קאָסמיש נשמהלע.

און יעצט, אַז מצא מין את מינו, מ'האָט זיך געפונען אויפן זעלבן שטרויעלע, צו ציען פונם אַפּיל־פּעסעלע, גייט מען אַ מצוה־טענצל — ס'איז עפעס אַ חתונה בשעת אַ מגפה, און אויף אונזער יידישן בית הקברות! כ'פיל זייער גוט די מצוה־טענצל־טענצער, זייערע אַנגעשוואָלענע הערצער, וואָס בשעת אַנדערע שטייען ביים צאַפּן, מוז זיי געבעך בגניבה ציען דורך אַ שטרויעלע.

פ.ס. ווי די ריבן קומען אין דעם זאַק אַריין, כ'מיין דעם מחד מחותן־פראַוונדיקן ר' זלמן? איך האָב גענומען מישן דעם „זשורנאַל“ און כ'האָב פאַרשטאַנען די גאַנצע „קאַטאַסטראָפע“ — ס'איז יענע טיפע פסיכאָלאָגיע פונם פעטער זשאַמע מיט דער מומע — — פיו, דאָס מוז איך נאָך געדענקען, ווי די מומע הייסט! וואָס כ'האָב נעכטן געחלומט און היינט געחלומט, זאָל אויסגיין אויף אַלע בייזע רוחות! אופפפף — — — —

[*] „אויך מיר — כטוב לב המלך ביין, אין יענע גוטע צייטן נאָך, — האָט ער דווקא געהאַלט איינשמועסן (ער איז אַ גוטער שמועסער, ווען עס טויג אים צום עסק.) אַז פרץ און להבדיל ער זיינען צוויי... און אויב נישט, אַז איך וועל אים נישט מודה זיין, וועט ער זיך אָנשכורן און וועט זיך שלאָגן...

[*] דאָס באַרימען זיך איינער פאַרן אַנדערן, עפנטלעך אין צייטונגען מיט מיחושן, ווי אין באָד, לבדל אויף דער אויבערשטער באַנק, ווי אומעטעטיש — זאָל ער נישט וויסן און רייבערן אַזויפיל און זויגן בלוט פון מענטשן, וועט ער נישט האָבן מיט וואָס זיך צו „רימען“ און צו „שפייען“... תמיד, רק ווען ער וויל עפעס אויספירן און וועקן נאַכביבקייט און רחמנות...

יאָ, איך מוז נאָך אונטער דעם מין עגל־עריפהדיקן געשרייעכץ, געשרייבעכץ, אויך נאָך אונטערשרייבן מיין נאָמען, ווייל איר וועט דאָך זוכן מיך צו דערקענען, ווי איר וועט זוכן צו דערקענען, די צוויי נאָמענלאָזע און טרעפן ווי מיטן פינגער אין אַ ווייכן, ווערעמדיקן אין נאָז שוין עפּושדיקן. לייבל קעז.

א „ראַנד באַמערקונג".

שוין אויסגעזעצטערהייט וואָלט איך נאָך אפשר געביסן די נעגל און צעזעצט געוואָרן און נישט אָפּגעדרוקט דעם „פיינעם" פעליעטאָן ווארים „כשם שמקבלים שכר על הדרישה כך מקבלים שכר על הפרישה": זיינען מיר נישט אַלע, אונזער יידיש ליטעראַרישער דור, אין דער מדרגה פון פרצעס „דר. סאַוויצקי" און „יוסל דער ישיבה בחור" וואָס איידער זיך אויפצוהענגען אויף אַ שטריק אויפן בית מדרש בוידעם איז שוין בילכער א „בשעת מגפה"... אבער אַז אין קאַפּעס דאָ אין לאָנדאָן טראָגן זיך שוין די „גענאַלע" בדחן־גראַמען פון יענע כאַפּטע, וואָס נאָכן אָפּליידיקן די אָרעם־סעודה פון חתונה־טיש ווילן זיי אויך דאָס טישטוך מיטצולאַטכענען, זיי מיט שכורלעכע לצנותן איבער אונזערע גרעסטע יידישע שרייבער — שיינט עס, אַז עס איז שוין מער ווי זיך אויסצולאַכן דערפון.

ס'איז אפנים אַ נייע ליניע, אַ שיטה אַזאַ! איז קודם דינגט מען די שאַרמאַנקעס זיי זאָלן אויסזינגען דאָס לידל אויף אַלע געמאַרקן — אויב עס האָלט שוין טאַקע אַזוי ווייט, מוז מען רעאַגירן.

**א.נ.ש.**

## דער קבלת פנים פאַר משה עובד

אויף דעם קבלת פנים פון פריינט פון יידיש לשון לכבוד משה עובדן, פון זיין צוריקקומען פון אמעריקע, האבן זיך צונויפגעזאמלט א גרויסער עולם און אַ סך שרייבער, אויך אַזוי אויפן יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג אויף וועלכן משה עובד האט אפגעגעבן א רעפּאַרט פון זיין נסיעה. ער האָט אונז מיט זיינע קינסטלערישע און לעבעדיק דערציילטע איינדריקן אזוי פאראינטערעסירט, אַז מיר וואַרטן שוין אויף זיינע „בילדלעך פון אמעריקע".

עס האט אונז דערפרייט זיין דערפאָלג דאָרטן אין דעם גרויסן יידישן ישוב, ווי א יידישער שרייבער און קינסטלער, און אויך ווי אין דער פּערזאָן ווי דער פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון".

אויף דער פראגע פאַרוואָס משה עובד האט אין זיין ראַדיאָ רעדע נאָר באַרירט „פריינט פון יידיש לשון" און דעם „בן־אורי", קודם איז ער אַ פאַרשטייער פון די צוויי דערמאַנטע אינסטיטוציעס והשנית — זאָלן די אַנדערע





דאָס ירושלימער בחורל — משה עובד

קולטור־אינסטיטוציעס אויך עפּעס אויפטון, אדער זיך נאָר באַמיען אויפן קולטור־געביט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, וועט זיי משה עובד אויף זיין צווייטע נסיעה שוין בכבוד גדול דערמאַנען.

אין קומענדיקן נומער ברענגען מיר אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג איבער בן־אורי, איבער זיינע וויכטיקע אויפטואונגען אין אונזער יידיש גייסטיק־און קינסטלעריש אָרעמען לאָנדאָן, אין וועלכער י. ביטש איז אויך איינער פון די מיטבאַגרינדער און אין וועלכער סערל ראָס, אַ באַקאַנטער אמאַטאָר־מאַלער, איז איינער פון די זיילן פון די אינסטיטוציע.

סערל ראָס האָט שוין געהאַט איניקע עפנטלעכע אויסשטעלונגען פון זיינע צייט און געשיכטלעכע בילדער־סעריעס. דאָס בילד, אויף דער צווייטער זייט, „דער דאווענענדיקער סאָלדאַט" איז לעצטנס געווען אויסגעשטעלט אויף דער בן אורי אויסשטעלונג געווידמעט לאָנדאָנער קינסטלער.

די סקולפּטור, דאָס „ירושלימער בחורל", געהער צו משה עובדס לעצטע אַרבעטן, פון וועלכע ער האט אויך איניקע איצט אויף דער אויסשטעלונג.



אַ סאָלדאַט בשעתן דאַווענען — מערל ראָס

## דער שליח פון איק״פא דר. לינדענבערג פון פאַריז

איר ווייסט דאָך יענעם דובנער מגיד־משל, אַז בשעת די צוויי העננער נעמען זיך שלאָגן כאַפּט דערווייל דאָס הינדל אויך אַ פּאָר זשאַרנעס — איך מיין די מחלוקה לשם שמים פון איק״פא און די אייראָפּעאישע אָפּטיילונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

פריינט הערש מענדל איך זיין באַזוך דאָ אין לאָנדאָן האָט געהאַט אַ שמועס מיט איניקע אינסטיטוציעס און אין איין וועג שוין דערווייל אויפגעטרעטן אויף אַ יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג. און אויף זיין איינפאַכן פשוט מענטשלעכן שטיגער געמאַכט אַ גוטע ווירקונג מיט זיינע וואַרעמע ווערטער פאַר יידישע קולטור. אין דער וואָך וואָס דער שלח פון איק״פא דר. לינדענבערג האָט ביי אונז דאָ פאַרבראַכט איז דער יידיש ליטעראַרישער שבת נאָכמיטאָג געווען אַ פייערלעכער און געהויבענער.



דער אַרבעטער־רינג, וואָס האָט אָראָפּגעבראַנגט דעם חשובן גאַסט, דר. לינדענבערג, האָט מיט אַלע זיינע קאָמיטעטן און קאָמיסיעס, מיט אַלע זיינע „בראַנזשען״־אָפּישלס און קאָלעקטאָרס און מיט אַלע זיינע קלאַסן באַוווסטזיניקע „מעמבערס״ נישט געקאָנט אָנפילן. אַ האַלבן זאַל אַפילו. און דאָס דעם קליינעם זאַל פונעם „טאָינבי האָל״ און די לעקציע וואָס דר. לינדענבערג האָט געהאַלטן איבער י. ל. פּרץ איז באמת געווען אַ שעדעווער. הן בנוגע טעכניק פון רעדנערישע קונסט און הן בנוגע זיין טיפן וויסן און איבערגעבנקייט צו אונזער גרויסן קלאַסיקער.

ביי זיין צווייטער פאָרטראַג, אויך אַ גייסטרייכער און מיט אַ סך וויסן אָבער שוין אַביסל צו חריפיש־דיאַלעקטיש, אין אַרבעטער־רינג (באַ אַ פיל קלענערע עולם, צו אונזער חרפה) טראָץ די „אויסגערעכנטע טעזעס״ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן דער אונטערשלאַק, אַ ביסל אַ צו רויטלעכער... מיט אַלע זיינע העברעאיזמען און באמת עסטעטישן צוגאַנג האָט ער דאָך נישט געקענט פאַרדעקן דעם שטילן איבערפאַלן. הינטן־אַרום, אויף אונזער גרויסן לייוויקן און שוין גאַנץ אָפן אויף אָפּאַטאַשואָס „רבי עקיבא״.

אויב זיין שליחות איז געווען יידישע קולטור, וועט אים אפשר אַביסעלע האָבן געלונגען, אַפילו ביים אַרבעטער־רינג עולם, וואָס האָבן זיך לעצטנס פון דעם פּראָדוקט אַביסל שוין צו וויט דערווייטערט, ווייל לויט ווי דר. לינדענבערג מאַכט דעם איינדרוק האָט ער אַ סך וואַרעמקייט און ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. מיינט ער אָבער מיט זיין שליחות אַראָפּצורייסן אָפּאַטאָשוס „רבי עקיבא״ וועט עס אים זיכער נישט געלינגען. און נישט נאָר דר. לינדענבערג (די אַטאַקע גייט אָן פון אַ סך ליניעס!... און אויך פון דאָ אין לאָנדאָן שיסט מען מיט שווערע אַרטילעריע) ווייל די „פּוילישע וועלדער״ זיינען געווען עפּאַכע מאַכנדיק מיט 30 יאָר צוריק, אַזוי איז יעצט זיין „רבי עקיבא״ — דווקא דאָס, וואָס די אַראָפּרייסער, פאַרשטייען, אדער ווילן דווקא געבן צו פאַרשטיין אַז ס'איז נישט, איז עס דאָס גרויסע אין זיין נייעם סטיל־תמציתדיקן ראָמאַן.

דער פאָרטראַג ביים י.ל.ש.ג. האָט געזאָלט זיין „די העברעאישע עלעמענטן אין דער יידישער שפּראַך״, און אַזוי איז אויך געווען אַנאָנסירט. אָבער, אַפּנים, כדי גוט צו מאַכן זיין יאוש איבער יידיש, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן, אַזוי אומנויטיק אין זיין רעפעראַט ביים אַרבעטער רינג, און אויך דאָס כמעט כשרן זיינס די אומדערהערטע האַלטונג פון די פּראָלעטאַרישע אַרבעטער־טוער צו דער יידישער קולטור, האָט ער געפּילט מסתמא, אַז ער מוז דעם חסרון גוט מאַכן און גערעדט איבער „דעם נס יידיש״ — דער פאָרטראַג איז געווען באמת פון גאַנצן האַרצן און דער גרויסער פאַרזאַמלטער עולם האָט אויפגענומען דעם חשובן גאַסט און זיין וואַרעמע באַגייסטערטע רעדע מיט גרויס פרייד און נאַנטקייט — כאָטש עס וואָלט מסתמא לאַגישער געווען, אַז די דאָזיקע רעדע זאָל געהאַלטן ווערן ביים אַרבעטער רינג — אַ ווי זיי האָבן דאָס נויטיק אַ ביסל באַגייסטערונג פאַר יידיש. — יעצט ביי דעם נייעם קורס !...

בייס שלוס פון דעם באמת געלונגענעם און פיינעם פּאַרטראַג, איז פונם פאַרזיצער שאַרף געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן די זיך אַרומטראַגנדיקע ידיעות, אַז די יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד זיינען אַרעסטירט.

אונזער יידישע פּאָליטיק איז איצט אַזוי צוגעשפּיצט, אַז די לינקע און רעכטע פּאַרטייען האָבן אַ פול מויל מיט וואַסערדיקע רייד... און אין גע־זידל פון אמתע און געמאַכטע „קראַפּטשינקאַס" האָט מען מורא זיך אַריינצו־מישן, און דאָס האַרץ ווערט צעריסן פון שרעק איבער אונזערע שרייבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ביים גלעזל טיי, וואָס פריינט פון יידיש לשון האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם חשובן גאַסט דר. לינדענבערג, איז די פראַגע וועגן די יידישע שרייבער נאָכאַמאָל אויפגענומען געוואָרן, און מיט אונזער יידיש ווערטל האָט עס אַ שאָקל געטון — ווי אַמאָל אין די אַלטע גוטע צייטן.

אויבן אין זאַל צווישן גרויסן עולם, וווּ אַלץ וויקלט זיך אָפּ מיט סדר און אָרדנונג, איז אַלץ אַדורך ווי געהעריק בשלום ושלוה — אָבער דאָ ביים וואַרעמען געמיטלעכן גלעזל טיי, האָבן גענומען קאָכן די געבליטן. אַלע חשבונות זיינען מיט אַמאָל אַרויס — און אַז אַלטע אייטערדיקע בלאָטערס נע־מען פּלאַצן, פּילט עס זיך גאָרנישט אַזוי עסטעטיש...

די אַלע נעבן־בייאידיקע שקלא־וטריא׳ס גייען אונז אָבער נישט אָן! אָבער, אַז קאָמוניסטישע פירער אין לאָנדאָן ווייסן נישט, וואָס ס׳ווערט געטון מיט אונזערע גרויסע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד, ברויכן זיי, לכל הפחות, נישט רעדן אַזוי שטאַרק, און אַז זיי פרעגן אונז: „וואָס גייען איך אָן די יידן אין רוסלאַנד?" — מוזן מיר זיי פרעגן, צו אונזער גרויסן באַדויערן, וואָס ווילט איר אויף דער יידישער גאַס?

מיר פרייען זיך, אַז ס׳קומען אַהער אַזעלכע געסט ווי דר. לינדענבערג און הלואי אַ סך אַזעלכע קולטור־שליחים ביים יידישן פאָלק און בפרט ביי אונז אין לאָנדאָן, עס איז קאָלאָסאַל נויטיק, אָבער אויב זיי, די שליחים, ווילן ברעכן אונזער ליניע, — אונזער אויסגעהאַלטענע ליניע פאַר יידיש, פאַר יידישע קולטור, אומעטום ווו יידן וווינען! — דאָס וועט קיינעם נישט גע־לינגען. אין דעם גראַד גייט עס: אין דער גראַדער אויסגעהאַלטענער יידישער ליניע.

ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת דעם 4טן יוני. — די טראַדיציאָנעלע שבועות פייערונג.
שבת דעם 11טן — אהרן ר. ראַלין—אַ פירונג אין ווייטשעפּל אַרט גאַלעריע.
שבת דעם 18טן — אַ גרויסע שלום עליכם פייערונג צום 90טן געבוירן טאָג פון אונזער גרויסן קלאַסיקער.
שבת דעם 25טן — שלמה אויערבאַך איבער די פרויען דיכטונג אין ישראל.



TOWER HAMLETS LIBRARIES


שוין דערשינען

„דאָס בוך פון לעסטערונגען"

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן. פּרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראַד פּרעס", און בוך האַנדלונגען.

„מיין טאַטע דער סופר"

און אַנדערע פּאָעמעס

אַ ניי בוך פון יוסף הלל לעווי

פּרייז 21 שילינג

צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:

M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.

„דער משפּט" פון מאָריס קאַץ

פּרייז 15 שילינג

צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:

M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16

שוין דערשינען

„גלאָקן אין מדבר"

אַ נייער בוך פון ס. פּאַלמע באַשטעלונגען ביים מחבר:

S. Palme, 193 Dalston Lane, E.8

„ירושלים" פון א. נ. שטענצל

לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס

אַ בוך פון איבער 140 זייטן

פּרייז: 7/6

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען

„אין חדר אריין" 5/-

„אין זכות פון די טעג" 3/6

פון

**משה עובד**

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי

**„דאס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם"**

**די נייע פאעמע פון די דיכטערין חוה ראזענפארב**

צו באקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פרייז 5/6 —

ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי.

**„די צייט"**

געגרינדעט אין 1913 פון

**מאריס מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראפע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"

זונטיק 26־טן יוני 8 אווענט

אין לאקאל פון

**„בן־אורי" קונסט גאלעריע**

14 פארטמען סטריט וו.1

**דאס 90סטע געבוירן יאר פון**

**שלום עליכם**

עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעציטאַ־

ציעס און רעדעס:

משה עובד, אייזיק גאלדבערג, י.

ביעטש, אליהו פאלושאק, נעט רובין

און דארא דימאנט.

אריינפיר ווארט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 7 (העפט 114) — צענטער יארגאנג — יולי 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


**אינהאלט:**


בין המצרים־געדאנקען ........ ** 1

לירישע לידער (ביים פענסטער, קבר פון אומבאקאנטן ליד). . יוסף פאלק 5

לעא קעניג דער קריטיקער און זיין לעצט בוך „לעבטערונגען". (צו קעניגס 60סטן יובל) ........ נ. מ. סידא 6

דריי סאנעטן ........ י. ה. לעווי 11

א ביסל רו (ליד) ........ מאקס הערשמאן 12

חבד (עסיי) ........ מ. ווילענסקי 13

אין ערשטן היי שניט (לידער) ........ א. נ. שטענצל 18

טונקלע טעג (דערציילונג) ........ א. מ. פוקס 22

קען א קונסט־ווערק זיין אנטיסעמיטיש (עסיי) ........ לעא קעניג 31

פאר די לעבעדיקע און די טויטע ........ יוסף פרענקל 34

מאיר צעלניקער — דער פאלקס אקטיאר (צו זיין 35 יאריקן בינע־יובל) ........ ש. י. הארענדארף 37

מאיר צעלניקער, (פאעמע) ........ 38

מיין וועג צו דער ליטעראטור־קריטיק אין דער יידישער ליטעראטור ........ י. ראפאפארט 40

דער כלל־טוער (פעליעטאן) ........ קיטי בראון 47

ביכער אויפן טיש (ביבליאגראפישע־נאטיצן) ........ אליהו פאלושאק 50

מאריס קאץ'ס ערשטע טריט (רעצענזיע) ........ שמואל לעווין 53

וועגן דופליקאציע פון ארטיקלען ........ פראפ. דר. א. א. ראבאק 57

א באגעגעניש מיט ח. נ. ביאליק ........ מאיר טויבענהויז 59

די הוספה פונם אלטן חזן (פאלקלאר) ........ יחזקאל נח ערלעכמאן 60

פראפעסאר דר. זעליק בראדעצקי, „אביב", יעקב באטאשאנסקי, נישט קיין רכילות חלילה, קאדיא מאלאדאווסקי (פעדער־שטריכן) . . ש. 61

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ........ 64


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**


אבאנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע

„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.